STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04746

IN DI TSAYTN FUN HAMAN DEM TSVEYTN

Jehuda Feld

Permanent preservation of this book was made possible
by Richard Link
in memory of
Evelyn K. Link

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה פעלד

אין די צייטן פון המן דעם צווייטן

יהודה פעלד

אין די צייטן פון המן דעם צווייטן

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1954

JEHUDA FELD

W CZASACH HAMANA DRUGIEGO

Zebrał, zestawił oraz przedmową zaopatrzył B. MARK

געזאמלט, צונויפגעשטעלט און פארזען מיט א פארווארט פון ב. מארק

Redaktor: L. OLICKI

רעדאקטאר: ל. אליצקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 562. Nakład 5 500 egz. Druk ukończono w kwietniu 1954 r. Ark. druk. 5,25.
Ark. wydawn. 4,25. Papier ilustracyjny 61 x 86 cm 70 g.
Druk. R.S.W. „Prasa", W-wa, ul. Tarczyńska 8. 5-B-53627

יהודה פעלד — דער רעוואָלוציאָנער און שרייבער

יהודה פעלד איז דער ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון יהודה פעלד־ווורם. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906 אין וואַרשע, אויף דער גאַס פון דער יידישער אָרעמקייט, סמאָטשע, אין אַ משפּחה, וווּ עס האָט געהערשט אייביקע נויט און אַרבעטלאָזיקייט.

יהודה פעלד האָט אדורכגעמאַכט אַלע צרות פון אַן אָרעם קינד, אַ צייט זיך דערצויגן אויף דער גאַס, זיך געוואַלגערט ביי פאַרשידענע מייסטערס און באַלעבאַטים אין אָפּגעשטאַנענע וואַרשטאַטן און געוועלבן אלס לערן־ייִנגל און משרת. די איינציקע „נאָרמאַלע" בילדונג האָט ער באַקומען אין חדר.

אונטערן איינפלוס פון חברים, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, הייבט אָן פעלד אַרבעטן איבער זיך, לייענען, לערנען שפּראַכן. די עלטערע חברים ציען אים אריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פעלד טרעט אַריין אין די רייען פון דעם אוואַנגאַרד פון פּויילישן אַרבעטער־קלאַס, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן.

אין אָנהייב די דרייסיקער יאָרן באַקומט פעלד, נאָך עטלעכע יאָר אַרבעטלאָזיקייט, אַ פּאָסטן אין „טאָז". ער הייבט אָן פון אַ שיק־ייִנגל און „אַרבעט זיך אַרויף" אויף אַ ביוראָ־אָנגעשטעלטן.

אין „טאָז" באַפרידיקט ער זיך נישט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. ער אָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטישע גרופּע און פירט אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן די אָנגעשטעלטע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און אין דעם מוראַנאָווער ראַיאָן פון דער קאָמפּאַרטיי.

פעלד איז געווען אַן איבערגעגעבענער חבר סיי אין דער אָרגאַניזאַציע, סיי אין די פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די חברים. הגם ער האָט אליין געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען און געדאַרפט אויסהאַלטן אַ גאַנץ גרויסע משפּחה, האָט ער שטענדיק געזאָרגט פאַר אַנדערע, געהאָלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע נויטליידנדיקע

משפחות. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו קעמפן פאר ארבעט, אָדער א פּאָסטן פאר ארבעטלאָזע חברים.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די היטלעריסטישע אגרעסיע אויף פּוילן, האָט פעלד צוליב זיין ערנסטער מאָגן-קראַנקהייט נישט געקאָנט זיך לאָזן אין דעם שווערן וועג אויף מזרח. ער איז געבליבן אין ווארשע. אָבער נישט געקוקט אויף זיין קראַנקהייט, האָט ער זיך גלייך אריינגעוואָרפן אין אַקטיווער טעטיקייט.

פעלד האָט אין דעם לאָקאַל פון „טאָז" איינגעאָרדנט, ביי זייער מאָגערע מיטלען, א קיך פאר נויטליידנדיקע טוער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג און שרייבער. אדאַנק זיין ענערגיע איז דער לאָקאַל אויף געגנשע 43 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א געהיימען טרעף-פּונקט פון אַקטיוו.

פעלד האָט געהערט צו די פּיאָנערן פון די אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע קרייזן אין ווארשעווער געטאָ. ער איז געווען איינער פון די בויער און פירער פון דער גרופּע „האַמער און סערפּ" און פון דער „אַרבעטער-פויערישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע" אויפן געביט פון געטאָ.

פעלד איז אין געטאָ געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און רעדאַקטאָרן פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך. ער איז געווען די נשמה פון דער צייטשריפט „מאָרגן-פריי" און דער מחבר פון א גרויסן טייל פּובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער צייטשריפט. נאָכן 22-טן יוני 1941 איז לויט פעלדס איניציאַטיוו דער „מאָרגן-פריי" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אונטערערדישער טאָג-צייטונג אונטערן נאָמען „מאָרגן-פרייהייט".

אין דער אונטערערדישער פּרעסע האָט פעלד געשריבן אַרטיקלען, וואָס האָבן מאָביליזירט צום קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און קעגן דעם יודענראַט און יודענראַטישער פּאָליציי. פעלד האָט אין זיינע אַרטיקלען גערופן צו א געאייניקטן נאַציאָנאַלן קאַמפס-פראָנט, ער האָט דעמאַסקירט דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַטור, אָבער איינציימיק אָנגעוויזן אויפן אמתן פאַרבינדעטן פון די געטאָ-אסורים, אויף די פּאַטריאָטישע שיכטן פון פּוילישן פאָלק, אויף די קעמפער און מאַרטירער, וואָס שמאַכטן אין די היטלעריסטישע תפיסות. אין אַן ענטוזיאַסטישן טאָן זענען געשריבן פעלדס אַרטיקלען וועגן ראַטנפאַרבאַנד, וועגן ערשטן מאַי, וועגן די יאָרציימן פון די פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג.

יהודה פֿעלד, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער געטאָ-אונטערערד אונטערן פּסעוודאָנים „יוליעק", איז געווען איינער פֿון די בויער און אַקטיוויסטן פֿון דער פּפּר-אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש דעם ערשטן מאַניפֿעסט פֿון פּפּר פֿון יאַנואַר 1942. ער שטייט אין שפּיץ פֿון די זאַמל-אַקציעס פֿון שפּייז און מעדיקאַמענטן פֿאַר די סאָוויעטישע קריגס-געפֿאַנגענע, וואָס זענען פֿאַרשפּאַרט אין דער „פּאַוויאַק"-טורמע, צוזאַמען מיט אַנדזשעי שמידטן (פּיניע קאַרטיק) אָרגאַניזירט פֿעלד אין געטאָ די ערשטע גרופּעס פֿון דער פֿאָלקס-גוואַרדיע און די ערשטע קאַמפּס-פֿינפֿטלעך פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק.

איינצייטיק איז פֿעלד טעטיק אין דעם אונטערערדישן געטאָ-אַרכיוו, צוזאַמען מיט ע. רינגעלבלומען, מ. מ. קאָנען, ש. הובערבאַנדן, י. קאַפּלאַנען און אַנדערע.

אין דער צייט פֿון דער ערשטער ליקווידאַציע ווייזט פֿעלד אַרויס גרויס מסירת-נפֿש. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יוסף לעוואַרטאָווסקי אָרגאַניזירט ער, צוזאַמען מיט לייב פּיילן, ליובע פּאָנאַמינסקאַ און מרדכי אַניעלעוויטשן, די ערשטע ווידערשטאַנדס-אַקטן און איינצייטיק ראַטעוועט ער מענטשן פֿון אומשלאַג-פּלאַץ.

אויף אַלע געפֿערלעכע געביטן פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער טעטיקייט אין געטאָ, אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן, באַגעגנט מען דעם איבערגעגעבענעם, ענערגישן, שרעקלאָזן חבר יהודה פֿעלד.

אין דער צווייטער העלפֿט אויגוסט 1942 יאָר באַקומט זיך פֿעלד אַריין אין אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט אויסערן געטאָ (א. ג. „פּלאַצוווקאַזשעס"), כדי אַזוי אַרום קאָנען אָנקניפּן און איינהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די פּוילישע חברים פֿון פּפּר און פֿון דער פֿאָלקס-גוואַרדיע. פֿעלד גייט איצט יעדן טאָג אַרויס אינאיינעם מיט אַן אַרבעטער-קאָלאָנע אויפֿן מזרח-וואָקזאַל. בסוד-סודות טרעפֿט ער זיך מיט פּוילישע פֿאַרבינדלער און ברענגט אַ סך נוצן דער געטאָ-אונטערערד.

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט די פֿיבערדיקע פּאַטריאָטיש-רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פֿון יהודה פֿעלד. אַרום דעם 15-טן סעפּטעמבער 1942 איז די געסטאַפּאָ געפֿאַלן אויף זיינע שפּורן. אומזיסט האָבן די פֿאַרבינדלער פֿון דער פֿאָלקס-גוואַרדיע אויף אים געוואַרט ביים מזרח-וואָקזאַל. דער חבר „יוליעק" איז מער נישט געקומען. ווען די געסטאַפּאָ-אַגענטן האָבן אים געכאַפּט, האָט ער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין די קעלערן פֿון געסטאַפּאָ אויף דער שוכאַ-אַלייע. די היטלעריסטישע הענקערס איז נישט געלונגען אַרויסצורייסן

ביי אים קיין איין וואָרט. ער איז אומגעקומען מיט אַ העלדן־טויט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן פרייהייט־קעמפער, פאַר אַ קאָמוניסט.

אינגיכן איז אומגעקומען זיין משפחה, די פרוי מיט צוויי טעכטערלעך, וועלכע האָבן זיך אַ צייט אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּוילישער אַרבעטער־משפחה אויף דער „אַרישער" זייט. די געסטאַפּאָ האָט דערמאָרדעט סיי פעלדס משפחה, סיי זייערע פּוילישע פריינד, וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן.

* * *

יהודה פעלד איז געווען אַ שרייבער. ער איז אַ מחבר פון אַ ריי פּראָזע־אַרבעטן; ער האָט גענומען שרייבן פאַר דער מלחמה, סוף פון די דרייסיקער יאָרן, אַ טייל פון זיינע שאַפונגען איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַ טייל כתב־ידן איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

פעלדס דעביוט אין דער יידישער ליטעראַטור פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז געווען „מעכל קוליקס לעבן", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1937 אין פאַרלאַג פון דעם דרוקער נ. פעדער אויף נאַמענהאָף־גאַס. דאָס ערשטע פאַרעפנטלעכטע ווערק פון יהודה פעלד איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן געלונגען. פון איין זייט האָט דער יונגער מחבר אַרויסגעוויזן אַן אויסגעצייכנטע קענטעניש פון דער יידישער אָרעמקייט אויף סמאָווקי, וואָלינסקע, וואָלהוקע, ניסקע, דזשיקע, אַ גוטן אָבסערווירן־חוש, אַ בפירושן חוש פאַר הומאָר און פאַר דער שפּראַך פון פאָלק; אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זיך אין „מעכל קוליקס לעבן" געפילט אַ גרויסע קינסטלערישע און בפרט אַן אַרכיטעקטאָנישע אומבאַהאָלפנקייט, אַ פערלערדיקע שפּראַך, אַ ריין־פאָטאָגראַפישער אויפנעם פון די געשטאַלטן. „נישט דער שרייבער הערשט איבערן שטאָף, נאָר דער שטאָף פאַרפּלייצט דעם אויטאָר", אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט פעלדס ראָמאַן דער קריטיקער כ. מירסקי אין אַ דעמלטיקן וואַרשעווער ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „שריפטן" (פון פעברואַר 1938). ח׳ מ. מירסקי שטרייכט אָבער אייגנציטיק אונטער פעלדס בפירושע פעיקייטן צו צייכענען געשטאַלטן און צו שילדערן נאָענטע אים זאַכן.

„מעכל קוליקס לעבן" פאַרמאָגט אויך אַ געוויסן אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט. צו די פּאָזיטיווע זייטן פונעם ראָמאַן דאַרף מען פאַררעכענען די שילדערונגען פון רעוואָלוציאָנערן, אַרבעטער־טוער און פון דעם קלאַסןקאַמף, וועלכע פעלד ברענגט אַרויס מיט זייער אַ סך גענויקייט און וואַרעמקייט.

פעלד האט צו זיין אייגענעם שרייבן געהאט א זעלבסטקריטישע באציונג. ער האט זיך פלייסיק צוגעהערט צו מיינונגען און אפשאצונגען פון חברים. אין די ווייטערדיקע שאפונגען, וועלכע ער האט פארעפנט־לעכט, האט מען געקאנט אבסערווירן, ווי פעלד ווערט רייפער, ווי זיין פעדער ווערט אלץ מער אפגעהיט און פארזיכטיק.

אין דעם פעברואר־נומער 1938 פון די „שריפטן" איז דערשינען פעלדס נאוועלע „צווישן וואלד און טייך", געווידמעט דעם שווערן לעבן פון יידישע רעכטלאזע לערער. דערנאך האט פעלד אנגעשריבן א ריי אנטיפאשיסטישע דערציילונגען, אין וועלכע ער האט געשילדערט דעם קאמף פון דייטשישע קאמוניסטן קעגן דעם היטלעריסטישן רעזשים, דעם ווילדן היטלעריסטישן ראסיזם אדגל. די דאזיקע דערציילונגען, וועלכע זענען געווען געשריבן מיט רעוואלוציאנערן ברען, האט פעלד עטלעכע מאל איבערגעארבעט, לויט פריינדלעכע אנווייזונגען פון חברים פראגרע־סיווע שרייבער.

פעלד האט אויך פארעפנטלעכט א קינדער־דערציילונג א. נ. „פערע־לעם הינטל" אין פארלאג „קינדער־פריינד" אין יאר 1938.

אין יענעם יאר האט זיך פעלד גענומען ארומטראגן מיטן געדאנק צו שאפן א פראגרעסיווע ליטערארישע צייטשריפט. ער האט עס געזאלט רעאליזירן צוזאמען מיטן מחבר פון די דאזיקע שורות. פעלד איז געווען אן אויסגעצייכנטער ארגאניזאטאר. ער האט שוין געהאט געשאפן א גרופע פון ארבעטער און ארבעטנדיקע אינטעליגענטן, פריינד פון דער פראגרעסי־ווער יידישער ליטעראטור, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צו שטיצן די איניציאטיוו. פעלד האט ארייינגעלייגט אין דער זאך זיינע אפגעשפארטע שווער־פארהארעוועטע גראשנס. די צייטשריפט האט געדארפט טראגן אן אנטיפאשיסטישן כאראקטער און געזאלט אנבינדן אין דער וועלט־באר־וועגונג פאר שלום און פראגרעס.

דער היטלעריסטישער אנפאל אויף פוילן האט איבערגעריסן די דא־זיקע צוגרייט־ארבעט.

אין געטא האט יהודה פעלד א סך געשריבן. מיר האבן נישט פעלדס אלע ליטערארישע שריפטן פון דעם געטא־פעריאד. ווי ער האט אינפאר־מירט אין דער ערשטער העלפט פון יאר 1941 אין א בריוו צו א חברטע, וואס האט זיך דעמלט געפונען אין מערב־אוקראינע, האט ער אונטער א בוים אויפן הויף פון גענשע 43 באגראבן אין א קעסטל א טייל פון זיינע כתב־ידן. אונדזערע זוכונגען און באמיונגען נאך דער באפרייונג האבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאט. די דאזיקע מאנוסקריפטן זענען נישט־טא. דאקעגן האבן זיך אפגעפונען פעלדס מאשין־שריפטן, וואס ער האט

איבערגעגעבן אין דעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו (רינגעלבלום־אַרכיוו); די דאָזיקע שאַפונגען האָבן מיר באַשריבן אין א צווייט אָרט.*
די דאָזיקע נאָוועלן און דערציילונגען, וועלכע פעלד האָט אַרומגענומען מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „אין די צייטן פון המן דעם צווייטן", פאַרעפנטלעכן מיר אין דעם דאָזיקן באַנד.

„המן דער צווייטער" האָט איז היטלער. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, טאָמער דער מאַנוסקריפּט פאַלט אַריין, האָט פעלד אַנשטאָט „היטלער" געשריבן: „המן דער צווייטער".

אויך איינעם פון זיינע מאַשין־שריפטן, וועלכע זענען אָפּגעפונען געוואָרן אין יאָר 1946, אינעם ערשטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו, באַמערקט פעלד, אַז די זאַך איז צום רעדאַגירן. פונקט ווי א רייע אַנדערע שרייבער פון געטאָ, האָט פעלד געשאַפן זיינע נאָוועלן און דערציילונגען איילִיק און נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אויסרעדאַגירן, אויסגלעטיקן, איבערשרייבן. נאָכקומענדיק דעם ווונטש פון דעם אומגעקומענעם שרייבער, האָט די רעדאַקציע געהאַלטן פאַר נייטיק טיילווייז אויסצוסטיליזירן זיינע ווערק, נישט אָנרירנדיק דערביי אַבסאָלוט נישט דעם נוסח, נישט די אידעע, נישט די אַרכיטעקטאָניק פון די שאַפונגען.

איבערגעבנדיק צום דרוק יהודה פעלדס ליטעראַרישע ירושה פון דעם געטאָ־פּעריאָד, פילן מיר אויס א מאָראַלישן חוב לגבי א שרייבער־קעמפער, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט פאַר א פרייער, פרידלעכער, שעפערישער וועלט. מיר פילן אויך אויס א פליכט לגבי דער יידישער ליטעראַטור, וואָס יהודה פעלד איז געווען איינער פון אירע יינגערע מיטבויער. מיר גלייבן, אַז די הומאַניסטישע מענטשנפריינדלעכע אידעע, וואָס ליגט אין יסוד פון פעלדס געטאָ־שאַפונגען, וועט זיין א ציגעלע צום גרויסן בנין פאַר שלום און סאָציאַליזם.

ב. מאַרק

---

* „די אומגעקומענע שרייבער אין די געטאָס און לאַגערן און זייערע ווערק", פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1954.

פופצן מינוט נאָך פינף

דער דרייצנטער מלחמה־טאָג. ערב ראש־השנה. דער טאָג האָט זיך געשטעלט א רואיקער. עס האָט אויסגעזען צו זיין שטילער, ווי דאָס איז געווען מיט צוויי דריי טעג פריער. אָבער די מענטשן זענען כסדר געלאָפן פון שטאָט, ווי געיאָגט פונעם אייגענעם אומרו און פון דעם הימל, וואָס האָט געשראָקן די וועלט מיט אן אומבאוווסטער אימה...

און מען האָט טאקע געקענט א טעות האָבן, ווען מען וואָלט געאורטיילט דעם הימל בלויז נאָך זיין אויסזען. ווי תמיד אין הארבסט, האָט די זון עטוואָס קאַלטלעך באלויכטן די וועלט, דער הימל האָט בלאָלעך געשמייכלט צו דעם ארום, אזוי ווי נאָר אים וואָלט געווען באקאנט דער סוד פון דעם, וואָס האָט געזאָלט קומען...

עס איז נישט געווען צוזען קיין שום וואָלקן אויפן הימל. און דאָך האָבן אלעמענס אויגן געבליקט ארויף, געבישטערט. געזוכט די צעשטערער — באָמבן־ווארפער און געפילט נאָך דעם אומגעזעענעם ביזן וואָלקן, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעשפרייט איבער דער שטאָט און פארשטעלט זיי די הימלישע בלאָקייט...

עס איז נישט געווען צו זען קיין שום רויך איבער דער שטאָט. דאָך איז די ליכט פון דער זון פול געווען מיט פארסמאליעטקייט און אָפּגעברענטס, וואָס האָט געבייצט די נאָזלעכער און געטרערט די אויגן... דאָס אָבער איז געקומען פון די מענטשלעכע הערצער אליין. יעדער איינער איז פול געווען מיט וואָלקן, מיט שווארצער מרה־שחורה און מיט פחד־פולער, פינצטערער שרפה אין זיך...

דאָקטאָר גבריאל עטקין, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אמבולאנס פון דער יידישער אָפּטיילונג פון רויטן־קרייץ אויף גענשע־גאס, האָט ביז מיטאָג־צייט געהאט ווייניק וואָס צו טאָן. געקומען זענען הייגטיקן טאָג בלויז די פריערדיקע

פאַרוואונדעטע, בלויז כדי איבערצובינדן די ווונדן, צו מאַכן די נייטיקע באַנדאַזשן און איינשפּריצונגען. אָבער דאָס האָט שוין געקאָנט מאַכן די קראַנקן-שוועסטער אַליין. און אויף זיין געהילף, אויף סאַרען, האָט זיך דער דאָקטאָר גבריאל געקאָנט פולשטענדיק פאַרלאָזן.

אַפּטמאָל, ווען ס'איז אים אומעטיק געוואָרן, אָדער הער אינערלעכער אימפּעט האָט אים געטריבן אויסצולאָדן זיינע איבעריקע כוחות, האָט ער אַפילו געוואָלט צוגיין העלפן מאַכן אימפּונגען און באַנדאַזשן, ער האָט דאָס אָבער קיינמאָל נישט געטאָן, ווייל ער האָט גוט געקענט סאַרען און געוווּסט, אַז זי וואָלט זיך דערמיט איבערגענומען. זי וואָלט זיכער געקלערט, אַז ער האָט ביי איר באַמערקט עפּעס אַ פעלערהאַפטן באַטראַנאַזש, צוליב דעם געטרויט ער איר נישט די אַרבעט און וויל עס אַליין אָפּטאָן...

ער האָט זיך דעריבער איינגעהאַלטן, אַרומגעשפּאַצירט מיט זיינע נערוועזלאַנגע טריט איבערן זאַל, מיט שטאַר-פאַרטראַכטע אויגן געקוקט אויף די אַרומיקע און קיינעם נישט געזען.

עס איז נאָך אַפילו נישט געווען די צייט פון זיין מיטאָג-עסן, אָבער לענגער אַרומגיין ליידיק האָט ער שוין מער נישט געקאָנט. ער האָט, ווי פאַרשעמט, אַ שמייכל געגעבן מיט זיין פראַזע צו סאַרען: — איך גיי מיטאָג עסן, — אַ כאַפּ געגעבן דעם הוט, און איז גיך אַרויס אויף דער גאַס.

פון ערגעץ, פון ווייטע גאַסן, האָט זיך אַהערגעטראָגן אַן אָפּקלאַנג פון טעמפּע קלעפּ, דעם דאָקטאָרס גענײט אויער האָט לייכט דערקענט דאָס שיסן פון לייכט-אַרטילעריע. דאָ אָבער, אין דער געגנט, האָט געהערשט אַזאַ אומרואיקע שטילקייט, אַז נישט געקוקט אויף דעם הילכיקן אָפּקלאַפּן זיך פון די אייזערנע רעדער מיט די פולע פורן אויף די נאָענטע גאַסן, זענען צום געהער דערגאַנגען די באַקאַנטע הונערן פון צעשטער-באָמבעס אויף הייזער, כאָטש זיי זענען אין דער אמתן הערוויל אין ערגעץ נישט געפאַלן... די מענטשלעכע אויערן זענען שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צו די דאָזיקע דונערן, אַז קיין אַנדערע אָפּקלאַנגען האָבן זיי נישט געקאָנט אויפנעמען...

אָנגעהויבן האָט עס זיך דעמלט, ווען ער האָט געהאַלטן ביים סוף פון זיין מיטאָג. אַן אומרואיקער און פול מיט איבערנעמונג, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דעם אַמבולאַנס אָן דאָקטערישער השגחה, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, געוואָלט אַ כאַפּ טאָן דעם הוט און צוריקלויפן צו דער אַרבעט.

דאָס איז שוין אָבער איצט געוואָרן אינגאַנצן אוממעגלעך. דער באַקאַנטער גערויש פון די באָמבאַרדיר-אַעראָפּלאַנען האָט זיך צעלייגט איבער די דעכער און אין אַלע שטובן אַזוי הילכיק און שטאַרק, אַז אַלץ האָט געשטראָמט מיטאַמאָל: אַ יללה פון קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך צעשראָקענע געטוליעט צו די מאַמעס און טאַטעס, אַן אָפּרופן און געשריי פון עלטערן צו זייערע קינדער און אַ שטיל-

שווייגן פון דערוואקסענע, איבערגעשראָקענע, וואָס האָט געווירקט אויפן דאָקטאָר א סך מער, ווי דער געוויש פון די אעראָפּלאנען און דער געטומל פון די מענטשן...

דאָקטאָר גבריאל האָט געקוקט אויף זיין שכן, וואָס איז געשטאנען מיט אים נעבן דער וואנט אין קעלער פארבאָרגן פון די ארומיקע, און נישט געקאָנט די אויגן אראָפּנעמען פון אים. דער שכן האָט זיך געגלעט מיט ביידע הענט די ברוסטן, פונקט ווי ער וואָלט צוריקגעשטויסן דאָס הארץ אויפן שטענדיקן אָרט...

דער שמייכל פון ביטול, וואָס ער פלעגט תמיד פילן צו אזעלכע פּחדנים, האָט זיך דאָס מאָל נישט באוויזן אויף זיינע ליפּן. ער אליין האָט איצט געפילט דעם מוראדיקן געוויש קרייצן זיך אין זיין מוח און וואָלט מסתמא אלץ געטאָן, כדי אים פון דאָרט ארויסצוטרייבן, עס איז געווען אזוי, ווי אין א חלום. עס האָט דאָך גאָר קיין ענלעכקייט נישט געהאט צו קיין שום ביז איצט געשעענעם פאל. אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט אים ווער מיט האמערס געקלאפּט איבערן שארבן, ווי די רעדער און פליגלען פון די אעראָפּלאנען וואָלטן איבער זיין קאָפּ געפאָרן און אים מיט דעם שרעקלעכסטן ווינט איבערן פּנים געשמיסן!... דאָס ערגסטע פון דעם אלעם איז געווען, וואָס ער האָט דאָ געפילט מער ווייטיק אין קאָפּ, ווי ביי א גייסטיקשוועךן קלאפּ, איידער אין הארץ, בשעת א פיזישן שמערץ. אָבער דעם גרעסטן ווייטיק האָט ער געפילט דעמלט, ווען ער האָט געהערט דאָס אראָפּלאָזן די באָמבעס. ענלעכעס האָט ער אין לעבן נישט געפילט. א שניי-איבער דער לופט דורך א טויזנטקילאָגראמיקער משא, א האסטיקער און ראפּטעמדיקער הייבארויף פונעם אעראָפּלאן נאָכן פארלירן אזא שווערקייט און כמעט אין דער זעלבער רגע — אן אויפרייס פון א נאָענטן הויז, וואָס האָט אויפגעקראכט מיט מיליאָנען דונערן, מיט אן אָפּקלאפּן זיך פון ציגל און שטיינער איבער דעם אייגענעם קאָפּ, — און דאָס אלץ פארפאָרט מיט דעם גאנצן שטורעם גלייך אין הארץ אריין...

יעדע רגע, יעדע מינוט האָט דער דאָקטאָר גבריאל געטראכט איינס און דאָס זעלבע: „זאָל עס געדויערן נאָך א מינוט, וועט צוזאמען מיטן הויז אויך ער אליין אויפקראכן און צעשפּרונגען אין דער לופטן". ער האָט געפילט זיין אייגן אראָפּפאלן מיט דעם שווערן קלאפּ אין תהום און דאָס צעשפּרענקלען זיך, טאקע ווי די באָמבע, וואָס איז אָט אין דער רגע צעזעצט געוואָרן אינעם הויז דערנעבן. דער הייבארויף פונעם אעראָפּלאן אין דער ווייטער הויכקייט האָט אים שיעור דעם קאָפּ פון קארק נישט אראָפּגעריסן.

מער ווי א שעה צייט האָט דאָס גיהנום אזוי געדויערט, און ווען עס איז עטוואס רואיקער געוואָרן, די באָמבעס האָבן אויפגעהערט צו קראכן, כאָטש מען האָט נאָך געהערט דאָס געוויש פון די אעראָפּלאנען, זענען אלע ארויס פון קעלער.

דאָקטאָר גבריאל איז געלאָפן, ווי געטריבן דורך עמעצן. די גאסן זענען איצט פול געווען מיט מענטשן. ער איז אָבער אזוי צעטומלט געוואָרן פון דעם, וואָס

ער האָט דאָ דערזען, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט פאַרטראַכט פונוואַנען ס'האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען אַזויפיל מענטשן אויף די גאַסן...

און עס האָט טאַקע אויסגעזען, ווי דער שטראָם מענטשן וואָלט אַזוי געגאַנגען שוין שעהן לאַנג. יעדער איינער איז געווען באַהאָנגען מיט קליינע קינדער, מיט פאַרשידענע פּעק, פּעקלעך און כלערליי חפצים.

עס איז געגאַנגען אַ דאַרער יונגערמאַן, מיט אַ קינד פון דריי יאָר אָנגעהאָנגען אויף דער פּלייצע, און איז גלייכצייטיק באַהאָנגען געווען מיט אַ פּעקל בעטגעוואַנט, פאַרפּאַקט אין אַ ליילעך און פאַרוואָרפן אויפן אַקסל, און אין יעדער האַנט, אַפילו אויפן אָרעם, וווּ דאָס בעטגעוואַנט איז געהאָנגען, זענען אָנגעוואָרפן געווען מלבושים...

אַן אַלטיטשקע האָט געהאַלטן אַ צעריסענעם פּאַראַסאָל אין דער רעכטער האַנט און זיך אויף אים אָנגעשפּאַרט יעדע ווײַלע, געהאַט פאַרוואָרפן אַרום דעם פאַרוויקלטן פאַרמעטענעם האַלדז עטלעכע ווייסע העמדער, און אין דער לינקער האַנט האָט זי געטראָגן אַ ריזיקן גאָנשאָר מיט איינגעמאַכטס. דערבײַ האָט זי זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַ הויכן זיפץ געטאָן, און דערנאָך שוין הויך געזונגען אַ פּזמון מיטן ניגון פון דער תחינה:

— אוי איז מיר, ווינד איז מיר; אוי איז מיר, ווינד איז מיר...

אַ קליינע, דיקלעכע ייִדענע פון אומבאַשטימטן עלטער האָט געשלעפּט מיט איין האַנט אַ קינד פון אַ יאָר צוויי, נאָך זיי זענען נאָכגעלאָפן נאָך צוויי קינדערלעך פון אַ יאָר פינף און זיבן. אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַן ערדענעם טאָפּ מיט עפּעס אַ פּליסיקייט, און אומעטום; אויף די דיקע ברוסטן, אַרום דעם גראָב־פאַרוויקלטן האַלדז, פון הינטן אויף דער פּלייצע, בײַם קאַרק — זענען אָנגעהאָנגען געווען פאַרשידענע טעפּלעך, קריגעלעך און פלעשער... עס איז זיך גאָרנישט געווען פאַרצושטעלן, וויאַזוי זי האָט דאָס אַלץ באַוויזן אָנצוהענגען. צי זענען די אַלע טעפּלעך און פלעשער געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אירע קליידער, אָדער זיי זענען צוגעהעקלט געווען מיט עפּעס אַן אומזעבאַרער זאַך...

אַלע פיר האָבן געשריגן: דאָס צוויי־יעריקע פיצל האָט געוואַלדעוועט: טאַטעשי! טאַטעשי! די מאַמע האָט מיט אַ גראָב און הייזעריק קול איינגעשטילט דאָס קינד מיט אַזאַ ניגון, אַז אָנשטאָט באַרואיקן, האָבן אויך אָנגעהויבן צו וויינען די איבעריקע צוויי קינדער פון הינטן...

אַ הויכע פרוי, ווייער אַן אָרעמע, אין געלאַטעטע קליידער, איז גיך געלאָפן, ווי אַ געיאָגטע. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גרויסע שיסל און אין דער צווייטער האַנט אַ ריזיקע שוואַרצע שמאַטע צו וואַשן פּאָדלאָגעס. צי בלויז דאָס איז איר פאַרבליבן פונעם גאַנצן פאַרמעגן?...

דער שטראָם מענטשן, מיט די קינדער, פעק און אַלטוואַרג, וואָס האָט פאַרפלייצט די טראָטואַרן און דעם מיטן־וועג פון דער ברייטער סמאָטשע גאַס, האָט אָבער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן דעם דאָקטאָרס טריט. ער האָט געקוקט אויף דעם אַלעמען אײַנגאַנצן אַ צעחושטער, מיט מאָדנע משונהדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן קיין שום קלאָרס אין זיך נישט געהאַט...

אײדער ער איז צוגעקומען צום אַמבולאַנס, האָט ער נאָך געמוזט דורכמאַכן פאַרשידענע אומוועגן. ביים עק סמאָטשע און גענשע האָט געברענט אַ הויז, אַנטקעגנאיבער האָבן געפּלאַקערט די מיליטערישע מאַגאַזינען, זעלנער האָבן אַרומגעצוימט די עקן גאַסן, אַלעמען פון דאָרט אַרויסגעלאָזט, אָבער צוריק שוין קיינעם נישט אַרייַנגעלאָזט.

דער דאָקטאָר האָט דאָס הויז, וווּ דער אַמבולאַנס האָט זיך געפונען, שוין כמעט נישט דערקענט. אַ געביידע אויף לינקס, דערנעבן, איז שוין געווען אַ חורבה און געפלאַקערט מיט אַ הילכיק פייער. זעקס טיפע גריבער ביי די סאַמע טויערן האָבן די צעשטער־באָמבעס אויפגעגראָבן אין געצייל־טע רגעס. צוויי זענען געפאַלן האַרט נעבן הויז פון אַמבולאַנס.

אַ שטיק פון אַ ברען־באָמבע איז געלעגן ביים אַרייַנגאַנג אין טויער און דאָרט זיך אַרייַנגעגראָבן מיט היץ און פייער אינעם צעגליטן סמאַליעדיקן אַספאַלט. די שויבן, טירן, פענצטער און אַ סך גלאָזוואַרג, וואָס דער שטורעם האָט אָנגעיאָגט פון די אַרומיקע הייזער, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, אין ג̇ערטל. אָבער דאָקטאָר גבריאל האָט גאָרנישט געפילט, ווו ער געפינט זיך און אויף וואָס ער טרעט.

אַלץ איז דאָ געשטאַנען אָפן. די טירן און פענצטער, די לעכער אין די ווענט, אין די סופיטן, אין די פּאָדלאָגעס, און אפילו די צעעפנטע שענק, די איבערגעקערטע טישן, שאַפעס און שטולן — אַלץ האָט געטריבן פון זיך, אָנגעוואָרפן אַן אימה.

אויף די ווענט איז גאָרנישט געהאָנגען. די פּאָרטרעטן, שענקעלעך און אַנדערע חפצים זענען געווען ווילד אָפּגעריסן פון זייערע האַקעס, אָדער זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, אָדער זענען נאָכגעהאָנגען אויף אײַנציקע האַקעס, צעקלאַפטע, צעשפּליטערטע, ווי געשאָכטענע אָקסן אין שעכט־הויז...

בלויז דער עלעקטרישער זייגער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליבן איבעררייסן דעם שטראָם, האָט מיט זיינע צוויי ווייזערס געוואָרנט דעם דאָקטאָר, אַז ער טאָר אַזוי נישט בלייבן פאַרטראַכט, און אים געפרעגט מיט כעס, ווו עס זענען אַהינגעקומען די מענטשן פונדאַנען...

דער זייגער האָט געוויזן פופצן מינוט נאָך פינף.

דאָקטאָר גבריאל איז אַרויס פון זאַל, שיר זיך נישט צעקלאַפּט און צעבלוטיקט ביים פאַלן אויפן גלאָז, און אָן שום אָפּהאַלט געלאָפן צו דער סטאַווקע גאַס.

א שטענדיקער תושב פון דער געגנט, האָט ער געהאַט כמעט זיין גאַנצע משפחה ווינען אויף דער סטאַווקע. צוויי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, און דריי ברידער מיט זייערע ווייבער און גאַנצע געזינדלעך — כמעט אַלע האָבן געוווינט אין איין און דעם זעלבן הויף.

אַלץ אין אַרום האָט געפלאַמט. אַמאָל, בשעת ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף דרייצן און האָט געלערנט אין דער ישיבה, פלעגט ער זיך אויסמאָלן זיין גיהנום, ביי קיין פאַל אָבער האָט ער איצט נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו דעם, וואָס ער האָט דאָ געזען... די לובעצקע-גאַס, די ניזקע, פון ביידע זייטן, און די סטאַווקע — אַלץ איז געווען איין לאַנגע קייט פון פייער און רויך.

וואָלקנס שוואַרצע סאַזשע, רויך מיט שטיקער פייער האָבן זיך אַרויפגעהויבן מיט כעס אַרויף צום הימל און געוואָלט דאָרט מיט צאָרן שלאָגן דעם בייזן גאָט, וואָס האָט אַזוי שרעקלעך געפרוווט מיט צרות די אָרעמסטע פון די אָרעמע און דערצו נאָך אָנגערייצט דעם היינטיקן טאָג מיט אַזאַ ליכטיקע זון, וואָס שפּאָט מיט דער בלאָקייט פונעם לויטערן הימל, מיט דער שפע פון די אומצאָליקע קאָלירן איבער דעם גורל פון דער געבעכדיקער וועלט און אירע מענטשלעכע ברואים...

איבער שטיינער און ציגל, שטיקער העכער און באַלקנס, געהילץ, טעפּ, חפצים, קאַסטנס און נאָך לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבלט אין דעם אַלעמען מיט מאָדנער גיריקייט, האָט זיך דער דאָקטאָר געטראָגן גיך און געשווינד.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. ער האָט דערזען אַ מאָדנעם פאַרשוין, מיט אַ ווילד-פאַרסמאַליעט פנים, מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן, ווי ביי אַ צעיושעטן אָקס. דער האָזיקער פאַרשוין איז געפלויגן אין דער פינצטער ווי אַ רוח. ער האָט געטראָטן איבער אַלעמען, כאָטש קיינער האָט אים נישט געיאָגט, קיינער האָט אים נישט געשטערט און צומאָל אויף אים קיין אכט געלייגט. ער איז געשפרונגען איבער אַלע שטערונגען מיט אַזאַ האַסטיקייט און גיכקייט, ווי אַ געטריבענער הונט, און לייכט געשלעפּט אויף זיך אַ שווערע משא — אַ קעפּל פון אַ ניי-מאַשין אויפן אַקסל און אַ ריזיק קעסטל אין דער האַנט.

באַלד נאָך אים און אַרום אים האָט דער דאָקטאָר דערזען נאָך אַזעלכע ברואים. ער האָט געקוקט אויף די דאָזיקע פאַרשוינען און איז אַזש שטיין געבליבן אַ לאַנגע רגע אַ צעטומלטער מיט זיינע משוגענע געדאַנקען. צום סוף, ווען ער האָט פון דעם אַלעמען נישט געקאָנט אַרויסשיילן קיין שום קלאָרקייט, האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף דער ערד און, לויפנדיק, געמורמלט צו זיך:

— קראָען, ווילדע היענעס און שאַקאַלן האָבן שוין דערשפּירט זייער רויב!...

ענדלעך איז ער צוגעקומען צום באַשטימטן הויז. דאָ איז שוין אָבער נישט געווען וואָס צו מאַכן. אַלץ אין אַרום איז געווען איין שטיק פייער מיט רויך. און כאָטש די פלאַמען האָבן אַלץ געלעקט מיט פייערדיקע צינגער און עס איז געווען

א געפאר, אז די געביידע זאָל אינגאַנצן איינפאַלן, האָט דאָ געווירבלט און גע־זשומעט, ווי אין א בינשטאָק...

מענטשן מיט חפצים, מיט געפעק, שטולן, טישן, סתם העלצער און מכשי־רים, האָבן געשלעפּט פון אַלע זייטן, פון די שטאָקן און קעלערס, אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר באַוויזן ארויסצוראַטעווען.

א סך פון זיי — דאָס האָט דער דאָקטאָר דייטלעך דערקענט — זענען נישט געווען די אייגנטימער פון די ארויסגעראַטעוועטע זאכן. מיט אייזערנע כוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן נישט צוצופאַלן צו אזא איינעם מיט א דראָנג אָדער מיט א שטיק האָלץ אין די פויסטן און אים שפּאַלטן דעם קאָפּ מיט א ווילד געשריי:

— שאַקאַל! היענע! טראָג זיך אָפּ מיט דיין רויב! די מענטשן לעבן דאָך נאָך!...

שפּעטער האָט זיך דער דאָקטאָר גבריאל געוווּנדערט און זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, וויאַזוי און ווען ער איז פון דאָרט אוועק.

מיטאַמאָל האָט ערגעץ א הויז א קראַך געגעבן — איינגעפאַלן מסתמא צו־ליבן בראַנד — און ווילדע משוגענע קולות האָבן זיך דערהערט פון גאָר נאָענט.

איין געשריי האָט זיך אים אמטיפסטן איינגעקריצט אין מוח. ער איז זיכער געווען, אז דאָס האָט אַזוי אויסגעשריגן זיין עלטסטער ברודער.

ערשט אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס האָט ער זיך דערזען שטיין מיט א גאַנצער מחנה מענטשן — פאַרחושכטע, אָפּגעריסענע, פאַרבלאָטיקטע און פאַרשמירטע מיטן ווייסן קאַלך פון די ווענט און דעם שוואַרצן רויך פון דער ארומיקער לופט. ער האָט דערפילט א משא אין דער האַנט און זיך ארומגעקוקט, אז ער מיט נאָך אַנדערע דריי מענטשן טראָגן אין די הענט א טראָג־בעטל מיט א פאַרוווּנ־דעטן אין וואַנגעלישן שפּיטאָל אריין.

אין מוח האָט פּלוצעם אויפגעוואַכט א געדאַנק, וואָס האָט אים נישט אָפּגע־לאָזט, ביזוואַנען ער האָט אוועקגעלייגט דעם קראַנקן אין קאָנצעלאַריע־צימער פון שפּיטאָל. ער האָט אָפּגעשטופּט אין א זייט די אַלע, וואָס האָבן הינטער אים אויך געטראָגן קראַנקע, פאַרוווּנדעטע און שפּיטאָל אריין, און איז אומגעדולדיק צוגעלאָפן צו דער קראַנקן־שוועסטער ביים דיזשורנע־טישל:

— אנטשולדיקט — האָט ער הייזעריק קוים ארויסגערעדט און אליין זיין קול נישט דערקענט — צי האָט מען אמאָל דאָ נישט אהערגעבראַכט א פאַרוווּנדעטן עטקין פון דער סמאָטשע־גאַס?

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויף אים קיין בליק נישט געגעבן, נאָר א בלע־טער געטאָן אין דעם גרויסן בוך אויפן טיש. זי האָט א שאָקל געטאָן מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר, אָן דעם ווייסן קאָפּ־טיכל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און דורך די ציין ביז ארויסגעצישעט:

— יאָ, געבראַכט מיט צוויי שעה צוריק!...

— ווו איז ער? — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריגן — איך בין א דאָקטאָר, לאָזט מיך צו, איך וועל צוהעלפן אָפּערירן!...

דער דאָקטאָר גבריאל האָט דערפילט א מאָדנע צאַפּלעניש אין גאַנצן קערפּער, אזש א היץ האָט אים געשלאָגן אין פּנים אריין.

די קראַנקן־שוועסטער האָט א כאַפּ געגעבן דאָס ווייסע קאָפּ־טיכל און עס גיך אראָפּגעוואָרפן אויפן קאָפּ, גוי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן נאָמען דאָקטאָר, צוליב איר זיין אָן דעם טוכל אויפן קאָפּ...

א פּאָר שלעכטע גרינגע אויגן האָבן א בליץ געגעבן אויף אים. זיין האַרץ האָט האַסטיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן און זיך מיטאַמאָל ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

— צווייּ זענען זיי געווען — האָבן אירע ציין אַרויסגעקריצט און אויסגעשפּיגן די ווערטער פון מויל אַרויס — צוויי, א פרוי מיט א מאַן! אָ, שוין מער ווי א שעה צייט זינט זיי געפינען זיך אין מתים־שטיבל...

דער אָפענער און בייזער שפּאַט אין אירע אויגן האָט אים דאָס האַרץ ווייטער געמאַכט קלאַפּן. ער איז מיט אזא כוח אַרויסגעיאָגט געוואָרן דורך איר בליק, אז אין א מינוט אַרום איז ער שוין געווען אוועק ווייט אויף דער גאַס...

ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט אומקערן צוריק, אַריינגנבענען זיך אין שפּיטאָל און מיט א פּאָר גראָשן אויספּועלן ביים דינער, ער זאָל אים ווייזן די טויטע, דעם ברודער מיט דער שוועגערין.

ער האָט שוין אָבער צוריקגיין נישט געקאָנט. פון איין זייט האָט ער געהאַט פאַר זיך די בייזע אויגן פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס זייער שפּאַט האָט אים געשטאָכן, ווי מיט שפּילקעס, און פון דער אַנדערער זייט האָט אים עמעצער מיטאַמאָל צוגעצויגן צו א טראָג־בעטל און דורכויס פאַרלאַנגט, אז ער זאָל אין דער פינצטער, אויף דער שמוציקער גאַס, מאַכן דעם קראַנקן אן איינשפּריצונג, ווייל אַנדערש וועט ער אויסגיין פון שטאַרקן בלוט־אָפּפלוס.

מיט געוואַלד און אייזערנע כוחות האָט ער קוים אָפּגעהאַלטן די מענטשן דערפון. ער האָט געהאָלפן טראָגן דאָס בעטל מיטן פאַרוואונדעטן צום שפּיטאָל אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס און גלייך פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און ווער ער איז.

מיטאַמאָל, שוין מסתמא זייער שפּעט אין דער נאַכט, האָט אים א פרוי אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און גענומען צו אים האַסטיק רעדן:

—הער דאָקטאָר! וואָס טוט איר דאָ? אייער ברודער איז דאָך שוין אהיימגעגאַנגען מיטן ווייב! זיי האָבן נאָך גוט אָפּגעשניטן, בלויז די הענט עטוואָס אָפּגעסמאַליעט. נאָך גוט, וואָס דאָס פייער האָט דאָס פּנים נישט אָנגערירט.

די רייד פון דער עלטערער פרוי, ווייזט אויס א שכנטע, וואָס האָט אים געקענט, האָבן דעם דאָקטאָר אויפסניי אזוי צעמישט, אז ער איז ווידער געשטאַנען מיט אן אומבאַוועגלעך האַרץ, כדי באַלד נאָך שטאַרקער צו דערפילן דאָס צעשפּרינגעניש און די האַסטיקייט פונעם בלוט־שטראָם...

דער דאָקטאָר האָט אָנגעכאַפּט די פרוי מיט ביידע הענט ביי די אָרעמס, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אומאַרמען, און זי באַשיט מיט א מבול ווערטער...

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די פראַגע, צי זי אַליין האָט זיי געזען אהיימגיין געזונטע? ווען דאָס איז געווען און פונוואַנען זי קען אים? ערשט ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער קען זי, האָט ער זיך באַרואיקט און ווידער זי געוואָלט פאַרוואַרפן מיט פראַגן. אָבער מען האָט אים אויפסניי אוועקגעשלעפּט פון אָרט, און די פרוי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ווען ער איז ענדלעך ווידער פריי געוואָרן און געקומען צו זיך נאָך דעם נאַכ־טיקן ארומוואַנדערן איבער די גאַסן ביים זוכן דעם ברודער מיט דער שוועגערין, האָט שוין דער הימל אַרויסגעצויגן די אכזריותדיקע זון פון איר באַהעלטעניש, כדי מיט איר אָפּשפּאָטנדיקער ליכט צו ווייזן דער וועלט, וואָס די רוצחישקייט פון די מענטשלעכע ברואים האָט פאַר דער צייט אָפּגעטאָן.

דאָקטאָר גבריאל איז שוין ווידער געשטאַנען אין זײַלבן זאַל, ווי נעכטן פאַר זיין לויפן אויף דער סמאָוולקע־גאַס, געקוקט ארום זיך מיט משוגענע מחשבות און מיט פאַרווונדערונג אויפגענומען דעם שפּאָט פון העם זייגער, וואָס האָט כסדר געטייטלט מיט די צוויי ווייזערס: פופצן מינוט נאָך פינף...

ער האָט א כאַפּ געטאָן, ווילד פון כעס, א שטיקל ראַם פון א פּאָרטרעט, א וואָרף געטאָן אין זייגער אריין און א געבראַזג האָט זיך צעהילכט איבערן גאַנצן ריזיקן זאַל.

צוליב דעם קלאַפּ פונעם אַראָפּגעפאַלענעם זייגער אויפן קאָפּ זיינעם האָט דאָס בלוט פון זיין פנים געטריפט אויפן ציפערבלאַט פונעם זייגער און איבגאַנצן באַרויטלט די ווייזערס.

דער דאָקטאָר האָט שוין מער נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דעם זיי־גער און נישט געווען בכוח איבערטראָגן דעם חוזק פון די צוויי ווייזערס, וואָס האָבן אים געשטאָכן די אויגן מיט זייער אָנווייזן אים די צייט: פופצן מינוט פאַר פינף...

ער איז געפאַלן אין חלשות.

שרהלע גראַבער

באַקענט האָט זיך דער דאָקטאָר עטקין מיט איר אויף אן ארבעטער־קאָנפע־רענץ, ווו זי איז ארויסגעטראָטן מיט א לענגערער רעדע. אייגנטלעך האָט זי נישט גערעדט אזוי שיין, פארקערט, אָפטמאָל האָט ער געפילט דאָס פאר־קערטע, און דאָס האָט אים זייער געארט. אפשר איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס אירע רייד זענען אים תמיד געפעלן, און דערפאר, וואָס ער האָט געהאט פאר איר א חברישן געפיל, האָט ער געוואָלט, אז אירע ווערטער זאָלן ארויסקומען וואָס ריינער און שענער...

בשעת ער האָט זי געהערט רעדן, האָט ער זי פולשטענדיק פארשטאנען, און ווי געפילט איר הארץ און נשמה. זיין דאָקטאָריש אויג האָט זי אָפגעשאצט ווי א פיזיש־שוואכע, מיט א געהעכערטער טעמפעראטור, וואָס שלאָגט אזוי בולט ארויס פון אירע בלישטשענדיקע אויגן.

זי האָט גערעדט נישט זייער הויך, אָבער אויך נישט צו שטיל, און בשעת דעם רעדן האָט מען בולט געפילט די שווערע ארבעט פון איר הארץ, וואָס שטרענגט זיך זייער אָן ארויסצוברענגען אזעלכע ווארעמע טענער און מיט אזא איבערנעמונג.

דאָס פנים — א לענגלעכס, א בלאס און עטוואָס איינגעפאלן ביי די קינ־באקן — האָט פארמאָגט א שיינע נאָז מיט גראָע, זייער בלישטשענדיקע אויגן.

טאקע די דאָזיקע פייערלעך אין אירע ווייכע און גרויסע אויגן און די נאָז, וואָס האָט תמיד אזוי האסטיק געאָטעמט און באוועגט מיט די פליגלען פוןביידע זייטן, האָבן צוגעגעבן באחנטקייט איר אויסגעצערטן פנים.

אָבער נישט נאָר דאָס האָט באשיינט און סימפאטיש געמאכט איר פנים. איר יונגער קאָפּ פון א פרוי פון א יאָר דרייסיק האָט געהאט גראָע האָר. און אָט די דאָזיקע פיין פארקעמטע האָר האָבן געצויגן אלעמענס אויגן אויף זיך. עס איז

באמת געווען צו באוואונדערן איר יונג פנים מיט אזא פארפלייצנדיקע פריזור פון גראָע האָר.

די פיזישע ריינקייט אירע איז געווען געפּאָרט מיט אירע גייסטיקע אייגנשאפטן; עס איז דייטלעך געווען צו זען, אז דער דאָזיקער פרוי מעג מען אין אלעמען געטרויען.

געהייסן האָט זי שרהלע גראבער, אָבער מיט דעם נאָמען האָט איר גערופן בלויז דער מאַן. עס האָט דעמלט געקלונגען דער נאָמען מיט אזא ווייכער באַהארצטקייט: ש—ר—ה—ל—ע, אז ס'האָט געקאָנט יעדן איינעם אָנשטעקן מיט זיין פארליבטקייט...

דעם דאָקטאָר עטקין האָט זי זייער אינטערעסירט. אויך איר מאַן איז געווען פאר אים א פענאָמען. דאָס איז געווען א גוט צוגעפּאסט פּאָרל. די ערלעכקייט און די פשטות האָט זיי בולט ארויסגעקוקט פון די אויגן. דער אייגציקער אונטערשיד צווישן זיי איז געווען דער, וואָס זי איז געווען אין „הייסן בלוט געבאָרן", האָט אָפט גערעדט און היציק דיספּוטירט, און ער האָט געשמועסט גאַנץ געלאסן, מיט קלוגער אויסגערעכנטקייט... זיינע אויגן האָבן פון הינטער די אָפּלען אפער, ווי פארשעמט, געפּאָרשט דעם מיטשמועסער. די אויערן האָבן לייטזעליק און באשיידן אַלץ אויסגעהערט. און זיין גאַנצע האַלטונג דעמלט איז געווען, ווי פון א מענטש, וואָס האָט א הויכן ווערט, נאָר האַלט זיך אזוי עניוותדיק, טאַקע נאָר צוליב זיין שיינעם טאַקט...

זיי האָבן זיך פאר דער מלחמה באַזעצט אין דעם שיינעם קווארטאַל פון דער הויפּטשטאָט, אין זשאָליבאָזש. זייער וווינונג איז געווען אין אן ארבעטערקאָאָפּעראַטיוו. ביידע האָבן געארבעט אויף פּאָסטנס. זי איז געווען א באַאַמטע'ן אין א מלוכה־שפּיטאָל, און ער — א לערער אין א גימנאַזיע.

זיי האָבן ביידע געהערט צו דער עקסטרעם־פּראָגרעסיווסטער ארבעטערפּארטיי.* זיי האָבן זיך אָבער דערמיט נישט ארויסגעשטעלט, און בשעת א דיסקוסיע ס'רוב גערעדט אין א קאָנספּיראַטיווער שפּראַך וועגן פארשידענע קיצלדיקע פּאָליטישע פראַגן...

דער דאָקטאָר גבריאל האָט נישט פארבאָרגן פון זיי זיין אייגענעם פּאָליטישן בליק בשעת זייערע אָפטע דיסקוסיעס און געפּרוווט זיי פּראָוואָצירן צו אן אָפּענעם וויכוח... זיי האָבן אָבער גערעדט מיט אים אויף א זייער פּאָרזיכטיקן אופן. נישט געקוקט דערויף, האָט ער פונדעסטוועגן בשעת זיינע רייד בולט געזען זייערע צעשמייכלטע אויגן און געפילט די פריינדלעכע סימפּאַטיע־צושטימונג זייערע מיט זיינע אָנשויונגען.

---

* די קאָמוניסטישע פּארטיי פון פּוילן — רעד.

ס'האָט אים אינטערעסירט און אינטריגירט: ווען און צוליב וואָס פאַר א סיבה זי איז גראָ געוואָרן. אָבער פון זיי אליין איז ער דאָס קיינמאָל נישט געוואָר געוואָרן. וועגן דעם פאל האָט אים דערציילט איר שוועגערין.

דאָס איז געווען שוין גאַנץ לאַנג, „אין די צייטן פון המן דעם צווייטן“, ווען זיינע לייב־גווארדיסטן האָבן ארומגערינגלט די אָקופּירטע געגנט און געכאַפּט די אומצופרידענע איינוווינער צו דער צוואנגס־ארבעט, אָדער — אָפּטמאָל צוליב עפּעס אן אומבאוווּסטן חטא — זיי ארעסטירט און פארשיקט אין א געפאנגענלאַגער. דאָס האָט דעמלט געהייסן „פּאציפיצירט די געגנט“, כדי אויסצוראָטן די אומצופרידענע בונטארן...

דער דאָזיקער פאל איז פאָרגעקומען אין א הארבסטיקן זוניקן פרימאָרגן.

פרוי סארא — ווי אלע האָבן זי גערופן — איז געשטאַנען ביים פענצטער, און האָט, ווי תמיד, באלד אינדערפרי מיט א גלאָז וואסער באַגאָסן די בלומענטעפּ אויפן פענצטער. די זון האָט געפירט א לייכטן פלירט מיט א שיינער ראָזלעכער בלום אין א ווינקל פון גאָרטן, געוואָרפן אויף איר א ליכטיקן בליק, א שיין אויף געגעבן מיט א ליבלעכן שמייכל, כדי אין א מינוט ארום אוועקצוכאַפּן פון איר דעם ווארעמען שטראל און א בלאָז צו געבן אויף איר מיט א קילבלעך ווינטל און הארבסטיקן שאָטן...

סארעס גראָע אויגן האָבן אויפגעלויכטן הייטערער. עס האָט אויסגעזען אזוי, ווי יעדער שטראל פון דער זון אויף די בלומען וואָלט נאָר איר, דער פרוי סארעס בלאס פנים, געגלעט. זי האָט געשמייכלט אזוי צו זיך מיט דעם שמייכל פון א מענטש, וואָס איז צופרידן אויך מיט א צווייטנס שמחה...

מיטאמאָל איז ביי פרוי סארע דאָס פנים פארציטערט געוואָרן...

פון דער זייט, וווּ דער וועג פירט צו דער שטאָט, האָט זיך באוויזן א ריזיקער וואָלקן שטויב פון א האסטיקן פאָרן פון א מאשין איבערן שאָסיי מיט א רויך פון בענזין. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, סארען, אזוי ווי א שטורמיש אומגליק וואָלט זיך אָנגערוקט אויף דער גאנצער וועלט פון דאָרטן...

אן ערד הונדערט גווארדיסטן, מיט צוויי קריינדלעך אויף די אקסלען (סס־שטורמיסטן, אין פאָרם פון א סמך), זענען פלינק און גיך אראָפּגעשפרונגען פונעם אויטאָ. אין פארלויף פון געציילטע מינוטן זענען די נאָענטע בלאָקן הייזער ארומגערינגלט געוואָרן דורך די גווארדיסטן פון אלע זייטן. אין דער זעלבער צייט זענען מער ווי א צענדליק מענער געשפרונגען פון די פענצטער אין דער זייט פון פעלד. און באלד האָבן הונדערטער קנאלן פון ביקסן אָפּגעהילכט אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט.

עטלעכע פון די, וואָס זענען נאָרוואָס אזוי פלינק אראָפּגעשפרונגען פון די פענצטער, האָבן א פלאטער געטאָן מיט די הענט, ווי פויגלען מיט די פליגלען פארן אוועקפליען. אָבער אָנשטאָט צו פליען אין דער הייך האָבן זיי א פאל

געגעבן אויף דער ערד, מיט א טרייסלעניש, וואָס האָט דאָס גאַנצע גראָז ארום זיי צעקוועטשט...

די פרוי סארא איז געשטאַנען אָן א וואָרט צו קאָנען ארויסרעדן. זי האָט געקוקט אויף דעם אלעמען מיט א הארבסטיקן פינצטערן בליק און זיך נישט געלאָזט פארנארן פון דעם לייכטן שמייכל, וואָס די זון האָט ארום איר פאנאנ־דערגעשפּרייט...

זי האָט געפילט איר מאן שטיין הינטער זיך און האָט אינערלעך געציטערט צוליב דער פארבאָרגענער מורא נישט צו זיין געצוואונגען צו רעדן מיט אים א וואָרט. ביידע האָבן געשוויגן און כסדר געבליקט אין דרויסן ארויס.

די גווארדיסטן האָבן געהאלטן ארויספירן איין פּאַליאַק נאָכן צווייטן און זיי ארייגעשטופּט אין דעם היזיקן אויטאָ אריין.

פלוצעם האָט עמעץ א האסטיקן עפן אויף געגעבן די טיר, און שווערע טריט פון באשטיוולטע פיס האָבן זיך געהערט דערנענטערן.

א גווארדיסט, א מיטלוואקסיקער, מיט א גראָב כאמיש פּנים, האָט אויף זיי א בליק געוואָרפן און מיט א ציניש שמייכל א זאָג געטאָן:

— נעמט וועש, שפּייז, און מארש! אין פינף מינוט ארום גייען מיר ארויס!...

אָן א וואָרט איז די פרוי סארא צוגעגאַנגען צום וועש־שענקל, האָט ארויס־געשלעפט פון דאָרט א קליין פּעקעלע, גיך עס ארייגעלייגט אין א רענצל, דער־נאָך האָט זי א כאַפּ געגעבן א ברויט פון א צווייט שענקל ארויס און אויך עס פארפּאַקט.

אינצווישן האָט זיך איר מאן אָנגעטאָן דעם מאַנטל און זיך פארקנעפּלט. און ווען זי איז פארטיק געוואָרן מיט איר רענצל, האָט זי עס אוועקגעלייגט אויפן טיש און צוגעגאנגען העלפן דעם מאן אויסגלייכן דעם קאָלנער.

דער גווארדיסט איז די גאַנצע צייט געשטאַנען א צוגענאָגלטער אויף דער שוועל פון קיך־צימער, האָט נישט אראָפּגעלאָזט זיינע העלע אויגן פון דעם מאָדנעם פּאָרפאָלק, וואָס האָט אויפגענומען זייער אומגליקלעך צעשיידן זיך מיט אזא קאלטער רואיקייט. און טאקע צוליב דעם דאָזיקן וואונדער, וואָס ער האָט דאָ נישט אָנגעטראָפן אויף געוויין און יללה, ווי אין די פריערדיקע שטובן, האָט ער מיטאמאָל געוומען רעדן. ער האָט געפרווט זיי בארואיקן, דער עיקר זי, אז זי זאָל נישט טרויערן, ווייל מען וועט אים דאָרט גאָרנישט שלעכטס באהאנד־לען...

די פרוי סארא האָט א שמייכל געגעבן צום גווארדיסט מיט אירע גרויסע גליענדיקע אויגן און האָט אים געענטפערט, אז עס וועט ווארשיינלעך גוט זיין...

פלוצעם, נאָך אין מיטן רעדן, האָט זיך דאָס פּנים פון דעם גווארדיסט גע־ענדערט:

— ביסטו יודע?

אָנשטאָט אַן ענטפֿער האָט די פֿרוי סאַרע, א נשתּוממדיקע פֿון זיין פֿראַגע, א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף יאָ...

דער גוואַרדיסט האָט אין זעלבן אויגנבליק אַראָפּגעלאָזט די ביקס אויף דער ערד, אָפּגעסאַפּעט, און פֿאַרן אויסדרייען זיך צו דער טיר צום אַרויסגיין נאָך אויסגעטייטשט:

— אויב אַזוי, מעגט איר פֿאַרבלייבן! איך האָב א באַפֿעל צו נעמען געפֿאַנגען נאָר פּאָליאַקן, נישט קיין יידן!...

ווי דער גוואַרדיסט איז אַוועק, האָט זי שוין נישט געזען. די פֿאַרשטאַרקייט אירע, וואָס זי האָט דערפֿילט, בשעת ער האָט אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער, האָט זי אין דער זעלבער רגע געמאַכט פֿאַרזינקען אין א פֿינצטערן תּהום, אַז זי האָט גלייך אירע געדאַנקען אינגאַנצן פֿאַרלוירן...

אויפֿצומאָרגנס, ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק און איר געהייסן בלייבן צו בעט נאָך עטלעכע טעג, האָט זי זיך געוואַשן דאָס פּנים, געקעמט מיט איר גרויסן קאַם די האָר, און — ווען זי האָט א נעם געגעבן דעם שפּיגל און אין אים אַריינגעבליקט, איז זי געבליבן ליגן א פֿאַרחלשטע אין בעט:

די האָר זענען איר גראָ געוואָרן איבער דער נאַכט...

הונגער

צו קרענקען האָט זי אָנגעהויבן באַלד נאָכדעם, ווי זיי זענען געצוווּנגען געווען אריבערצוטראָגן זיך פון זייער אַלטער דירה אין טשערניאַקאָוו אין דער נייער פּייכטער וווינונג.* ווו די זון האָט קיינמאָל קיין צוטריט נישט געהאַט, און ווו קעלט, פינצטערניש, פאַרעיפּושטע פייכטיקייט און נאַסער ווילגאָטש האָבן געהערשט אַפילו זומער און דער עיקר ווינטער.

איר צאַרטער קערפּער, וואָס פלעגט אויף דער זון אויפבליען און לויכטן, ווי אַ בלום, איינזאַפּן אין זיך מיט אַלע אברים די שטראַלן און אַפילו דעם הייסן שטויב, וואָס די זון טראָגט מיט זיך אין זומער, — האָט אָנגעהויבן צו צאַנקען, איינצודאַרן, צו פאַרלירן די עלאַסטישע שטייפקייט און האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ בלייכע קרענקלעכע מידקייט און מיט פיבער באַגלאַנצט אירע אויגן.

אויב זי האָט געמוזט בלייבן צו בעט בשעת אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור, האָט זי דערפון זייער געליטן: זי איז געווען זייער אַ טעמפּעראַמענטפולע; האָט קיין רגע נישט געקאָנט פאַרבלייבן אָן אַרבעט און אָן באַוועגונג. איצט אָבער, בשעת דעם ליגן צו בעט, האָט זי געליטן אַמשטאַרקסטן צוליב דעם שרעקלעכן הונגער, וואָס האָט געהערשט אין שטוב.

ביי זיי איז אפשר די נויט נישט געווען אַזוי גרויס, ווי ערגעץ אַנדערש; דער הונגער ביי דעם ברודערס קינדער און ביי די איבעריקע פון הויזגעזינד איז אפשר נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי ביי אַנדערע אירע באַקאַנטע. אָבער איר, דער פרוי האַלע, האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז אין איר שטוב עסט מען ווייניקער, ליידט מען מער און מען הונגערט שטאַרקער, ווי אומעטום...

זי האָט אָבער באַוויזן אַזוי איינצושטעלן דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די קינדער און פון די דערוואַקסענע, אַז קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף קיין הונגער,

---

* אין געטאָ אַריין — רעד.

אז ווען עס וואָלט אפילו עמעצער דערמאָנט, אָדער זיך ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט וועגן הונגער, וואָלט אים באלד א צווייטער מיט איידעלער גוטהארציקייט געוואָלט העלפן:

— נא, עס דו אויף דאָס איבעריקע. איך וועל שוין אזוי אויך מער נישט עסן!...

און זיכער וואָלטןביידע — אזוי דער, וואָס וויל אָפּטרעטן זיין נישט פאַר־ענדיקטן ביסן, ווי דער, וואָס איז נאָך הונגעריק און פארלאַנגט נאָך, — אויפ־געשפרונגען פון זייערע ערטער, און זיך לאַנג געשאַמפּערט, ביזוואַנען דאָס ביסל עסן, וואָס ווערט אָנגעבאָטן דעם הונגעריקן, וואָלט געבליבן שטיין פאַריתומט אויפן טיש, און קיינער פון די ביידע וואָלט עס שוין איצט נישט טועם געווען...

אזוי וואָלט עס דאָ געווען אין איר שטוב, ווייל אזוי שטאַרק איז געווען איינ־געפלאַנצט אין די הערצער פון אירע נאָענטע דער דרך־ארץ און דאָס געפיל פון נאָכקומען א ווונטש.

האָט זי טאַקע שטאַרק געליטן בשעת דעם ליגן צו בעט א קראַנקע, ווייל איצט האָט זי דאָך די ביטערע געלעגנהייט צוצוזען, וויאזוי דער הונגער האָט זיך איינגעבירגערט אפילו ביי איר אין שטוב. כלומרשט האָט זי אויף קיינעם נישט געקוקט, נאָר זי האָט גוט געזען, ווי די קליינע זיבן־יעריקע פּעפּי דרייט זיך אזוי שפּילנדיק, כמעט טאַנצנדיק ארום דעם רונדיקן טיש, כאַפּט פון מאָל צו מאָל א בליק אויפן האלבן ברויט אין דעם ברויט־טעצעלע, און ווי זי גיט עס יעדעס מאָל א לייכטן גלעט, אָבער מיט אזא ליבשאַפט, אז זי מוז דערפון א קליין זייער פּי־טשינקע קרישקעלע ברויט טאָן א קנייפּ אָפּ מיט אירע צוויי קליינע פינגערלעך און א וואָרף אריין, מיט א מאָדנעם גלאַנץ אין די בלאָע אייגעלעך, אין מויל אריין...

און דער גרויסער מאָריץ, דער טאַטע, וואָס איז אין שטוב א ביישפּיל פאַר אלע קינדער, וויאזוי מען דאַרף זיך האלטן סיי ביים לערנען זיך און סיי ביים אויפפירן זיך אין דער היים; ער, וואָס ווייזט ארויס א שטאַרקן ווילן טאַקע מיט דעם איינהאלטן זיך פון עסן, — אפילו ער פירט זיך אויף גאַנץ אנדערש דעמלט, ווען קיינער לייגט אויף אים קיין אכט נישט.

ניין, אינערלעך ענדערט ער זיך קיינמאָל נישט. צופיל האַרטן ווילן האָט ער, אז ער זאָל זיך לאָזן אָנרעדן פון יצר־הרע און כאַפּן א שטיקל ברויט, ווען ער איז דאָ אליין. ער קאָן זיך אָבער נישט איינהאלטן, ווען דאָס עסנוואַרג ליגט אויפן טיש, נישט אוועקצושטעלן זיך אין א זייט און קוקן אויף דעם ברויט. קוקן לאַנגע מינוטן, ביזוואַנען ער האלט דאָס פאַר געגנוג, און ערשט דעמלט לייגט ער ארויף א שטיקל פּאַפּיר אָדער א לייוונטענע סערוועטקע אויף דעם עסנוואַרג און גייט אוועק פון טיש...

זיין מומע — די פרוי האלע — נעמט זיך טאקע מיט אים אמשטארקסטן איבער. זי פילט דאָך, בשעת ער קוקט אויפן ברויט, ווי זיין מויל וואָלט עס טאקע אזוי געשמאק געקייט, און זי שפירט בולט דעם טעם, וואָס זיין מאָגן וואָלט געהאט ביים אראָפּשלינגען דאָס שטיקל טרוקענע ברויט...

אויך דער קליינער הענעק, וואָס איז ווי א קאָפּיע פון גרויסן מאָריץ, און טוט אים כמעט אין אלעמען נאָך, — ווייזט אפשר נאָך בולטער ארויס זיין הארטן ווילן, בשעת ער דערזעט דאָס עסן.

אין ערשטן אויגנבליק גיבן זיך זיינע גרויסע בלאָע אויגן א וואָרף, אזוי ווי עס וואָלט זיך עפּעס ארויסגעצאפּלט פון זיינע גיריקע אויגן, — אָבער, ווי נאָר ער דערזעט דאָס עסן, דערמאָנט ער זיך מסתמא באלד וועגן עפּעס. דעמלט גיט זיך זיין דאר קערפּערל א האסטיקן דריי אויס, דאָס צו גרויסע קעפּעלע מאכט א באוועגונג, ווי עס וואָלט געפילט נישט מער, ווי עקל צו דעם, וואָס איז דאָרט געווען צום עסן...

אָבער נאָכנישט דאָס אליין מאכט אויף איר דעם שרעקלעכן איינדרוק. עס זענען פאראן קינדער, וואָס זענען נאָך מער הונגעריק. דאָס זענען די קליינע בעטלער=קינדער, וואָס ווייגען מיט געמאכטע אָדער אמתע געיאָמערייען פאר דער טיר מיט הארצרייסנדיקע יעלות וועגן זייערע טויטע, קראַנקע, געהרגעטע, ארויסגעטריבענע און פארברענטע עלטערן. אויך זיי גיבן נישט ווינציק צו צו דעם אלעם, וואָס פּיקט איר מוח, איר הארץ, בשעת דעם ליגן צו בעט, און בעת זי נעמט אויף דעם הונגער אין איר שטוב.

די לעצטע טעג אָבער, ווען דאָס ברויט איז אין גאַס דערגאנגען שוין צו די העכסטע פרייזן, ווען די בעטלער אָדער סתם הונגעריקע האָבן אָנגעהויבן צו כאפּן די עסנווארג=פּעקלעך ביי די הורכגייער פון די הענט ארויס — האָט זיך די פרוי האלע זייער דערומיט איבערגענומען.

מעגלעך, אז די פארגרעסערטע טעמפּעראטור — קנאפּע ניין און דרייסיק גראד — האָט זיך אויך גענומען ווי א רעזולטאט פון איר איבערעגונג צוליב דעם גרויסן הונגער אין שטוב. אָבער אמת איז, אז אירע לונגען און דאָס הארץ האָבן אין דעם געהאט א גרויסן שולד.

די היץ האָט זיך שוין געהאלטן מער ווי א יאָר צייט, און דאָס פארגרעסערן זיך פון דער טעמפּעראטור האָט דעם מאן אירן ארייננעבראכט אין אזא אומרואיקייט, אז ער האָט ביי זיך באשלאָסן באלד אויפצומאָרגנס צו רופן נאָכאמאָל דעם דאָקטאָר, כאָטש יענער איז ערשט מיט א טאָג פריער דאָ געווען. און וואָלט נישט געווען די פּאָליציי=שעה, ווען מ'האָט נישט געקאָנט א גאנצע נאכט ארויסגיין אויף דער גאס נאָך א דאָקטאָר, וואָלט זיך דער מאן מסתמא נישט איינגעהאלטן און געוויס געבראכט צו שלעפּן דעם דאָקטאָר היינטיקער נאכט.

זי האָט א סך גערעדט, זייער א סך. ער האָט אָבער פון דעם גאָרנישט פארשטאנען, נאָר געפילט, אז זי לעבט עפּעס טיף איבער, אז דאָס איז ביי איר מסתמא א קריזיס-נאכט, און האָט מיט א שטארקן אומרו געווארט אויף דעם נאָענטסטן טאָג.

פרוי האלא האָט געפיבערט. זי האָט געהאט שטארקע היץ און געחלומט. א מאָדנער חלום איז דאָס געווען, אזא חלום, וואָס איז אין דער אמתן קיין חלום נישט געווען...

...זי איז גאָרנישט געווען קראנק, זי האָט ארומשפּאצירט איבער דער שטוב, געקוקט, געקוקט אויף איר ברודערס דריי קינדער, זיי לאנג און גוט באטראכט, און זיך מיטאמאָל דערפילט זייער שלעכט. זי האָט זיך געלייגט אויף דער סאָפע אין לעצטן צימער, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך מיט עפּעס צוגעדעקט, האָט זי דערשפּירט א מאָדנע „קעלט"... „עפּעס" איז אין איר אריינגעקראָכן, אזוי ווי א בייזער, ריזיקער וואָרעם...

דער „עפּעס" איז געווען דער הונגער. ער איז געווען אזוי גיריק, אז ער איז צוגעפאלן צו אירע איינגעווייידן און זיי גענומען קייען מיט גרויסע קאלטע ציינער... זי האָט ממש דערפילט, ווי די געדערעם, די לונגען, דאָס הארץ — אלץ ווערט פארצוקט און איינגעשלינגען דורך דעם קאלטן הונגער. זי האָט זיך גענומען קאָרטשען פון ווייטיק און קעלט, און איז פארצאפּלט געוואָרן פון דער שרעק, אז באלד וועט זיך דער הונגער צוכאפּן צום האלדז, און דעמלט וועט זי זיין שוין פארלוירן...

ס'האָט איר גענומען שטיקן אין האלדז. פון שטארקער קעלט האָט זי אזש אָנגעהויבן צו שוויצן. זי האָט נישט געקאָנט רעדן, אָבער די ווערטער, וואָס זענען אומפארשטענדלעכע ארויס פון איר קראמפּהאפט צוגעשלאָסן מויל, האָבן שוין יאָ געהאט אן ענלעכקייט צו מענטשלעכע...

דער מאן איז געשטאנען איינגעבויגן צו איר מויל און אָנגעשטרענגט זיך איינגעהערט צו אירע רייד. מעגלעך, אז זיין שעפּטשענדיק קול, אז זיין גלעטנדיקע האנט אויף איר קאָפּ האָבן דערפירט איר צעברויזטן, מיט היץ אָנגעפילטן מוח צו דעם איינציקן געדאנק, וואָס איז אין איר איצט אויפגעשוווּמען. און ער, דער מאן, האָט בולט דערהערט אזא בעטנדיקן קלאנג, מיט דעם הארציקסטן ווייטיק ארויסגעריסן פון דער קעל ארויס:

— ב—ר—ו—ט!... ב—ר—ו—ט!

איינמאָל און נאָכאמאָל:

ב—ר—ו—ט!

אויף דעם מאנס פּנים האָט זיך באוויזן א שמייכל, אזוי ווי ביי א פאָטער, ווען דאָס קינד בעט ביי אים א גראָשן אויף א צוקערל, בשעת ער האָט זיך גערעכנט, אז עס וועט פארלאנגען דאָס טעלערל פון הימל.

— ברויט ווילסטו? נאריש קינד! — האָט זיין ווייך קול ווי געוויינט פון איבערגעמוטגג און הארציקייט — ברויט נאָר ווילסטו? איך גיי באלד ארויס אויף דער גאס, וועל איך דאָס ברויט פון אלע בעקער אויפקויפן פאר דיר! באלד גיי איך דאָס טאָן!...

און ווען ער האָט א שמייכל געגעבן מיט זיינע סאמעט־שווארצע אויגן, ווי צו זיך, און געקלערט, אז מיט דעם האָט ער שוין זיין קינד אינגאנצן אָפּגעקויפט, האָט די פרוי האלא געעפנט אירע גראָע בלישטשענדיקע אויגן, לייכט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און קוים ארויסגעשעפּטשעט:

— ניין, שמחה, ניין! איך וויל שוין איצט ברויט! שוין גיב מיר ברויט, שוין!

איר געבעט און דער פארלאנג, וואָס איז געלעגן אין איר בליק, האָט אים געצוווּנגען אויפצושטיין, ארייגלויפן אין קיך און ברענגען א גרויס ברויט מיט א מעסער.

ער האָט געשניטן דאָס ברויט, איר דערלאנגט אין מויל, און זי האָט בסדר געגעסן. מיט יעדן ביס, וואָס זי האָט געטאָן, האָט דער הונגער צוריק אָפּגעגעבן די שטיקלעך אברים, וואָס ער האָט שוין געהאט פריער צעקייט און אויפגעפרעסן...

דאָס עסן האָט געדויערט זייער לאנג, אפשר גאנצע שעהן. און ווען זי האָט שוין געהאט אויפגעגעסן מער ווי דריי פערטל פון דעם קילאָגראמיקן ברויט, האָט זי זיך א רגע פארהאלטן און א קוק געגעבן אויפן מאן. אָבער באלד האָט זי צוגעכאפּט דעם בליק פון אים און ארויסגערעדט מיט איר שוין איצט אביסל שטארקערן קול:

— טיי!...

דער מאן איז געלאָפן נאָך טיי. זיינע געדאנקען זענען איצט געווען צעפלאָכטענע, צעשרויפטע און אומזיניקע. ער האָט נישט געקאָנט באַגעמען, וויאַזוי זיין האלע האָט געקאָנט אויפעסן אזויפיל ברויט, ווען זי האָט קיינמאָל מער ווי צוויי־דריי שטיקלעך אויף איין מאָל נישט געקאָנט אראָפּשלינגען...

זי האָט אויסגעטרונקען די טיי, אויפגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט און מיט א פעכטער שטים, אָבער מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, געבעטן שעמעוודיק:

— אפשר איז עפּעס פארבליבן פון מיטאָג, אפשר?...

דער מאן האָט געטראָגן א טעלער נאָך א טעלער פון קיך, פון די שענקלען, צונויפגעזאמלט פונוואנען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט שטיקלעך ברויט און אנדערע שפּייז, און געקאָרמעט זי ביז אין דער פרי...

דאָס לייב אירס איז שוין געווען אָפּגעראטעוועט פון הונגער, וואָס האָט זיך פריער ארייגעקריגן אין גוף, אָבער דער הונגער האָט זי אָנגעשטעקט מיט דער מאָדנער שרעק, וואָס האָט זי שוין נישט נאָכגעלאָזט און געצוווּנגען בסדר צו עסן, צו קייען און צו פארלאנגען נאָך און נאָך...

אַ חלום פון אַ מאַמען

פון לאַנגע יאָרן איז זי געווינט געווען נישט צו זשאַלעווען קיינעם אַביסל עסן. אין הויז פון איר זיידן, ביים טאַטן, און אַפילו ביים מאַן אירן, וואָס איז געווען בלויז אַ ביוראַליסט און נישט געקאָנט זיך אַזוי לאָזן ווילגיין, ווי איר זיידע, — דער אייגנטימער פון אַן אַכסניא, אָדער איר טאַטע — דער קרעמער — אומעטום האָט מען אַ גאַסט אויפגענומען מיט אַלעם, וואָס איז נאָר געווען אין שטוב, מיט כל־טוב.

זינט אָבער די מלחמה איז אויסגעבראָכן און ס׳זענען אָנגעקומען די צייטן פון המן דעם צווייטן, האָט זיך דער הונגער איינגענעסטעט אַפילו ביי איר אין שטוב און געמאַכט אַ תל פון איר ביזאַיצטיקן לעבן.

אינגאַנצן געהונגערט האָט מען דאָ נאָך אַפילו נישט. בלויז די דערוואַקסענע פון הויז־געזינד האָבן זיך געזשאַלעוועט יעדעס ביסל עסן און געקוקט אויף יעדן כזית ברויט, ווי אויף אַ שונא, וואָס מען דאַרף אים איינשלינגען, נאָר מען מוז אים נאָך דערווייל לאָזן צו רו...

איז מאַקע געווען זייער ביטער, ווען די פרוי בראָנקע האָט געמוזט צוטיילן אירע קינדער די פענעצלעך ברויט מיט מאַרמאָלאַד, אָדער מיט דעם ווייכן קעז, אַנשטאָט פוטער, אָדער מיט גאָרנישט.

זי האָט דערפון זייער אַ סך געליטן. און אויב מ׳האָט נאָך ביי איר אין שטוב נישט אינגאַנצן געהונגערט, איז עס פשוט געווען צוליב דעם, ווייל זי האָט ממש אַלץ פון שטוב אויספאַרקויפט, איבערגעלאָזט זיך איינצלנע קליידלעך, אַ צוויי העמדער איבערהצוטאָן, און דאָס איבעריקע, כמעט דאָס לעצטע קישן, אַרויסגע־טראָגן אויף דער „וואַלוועקע“ און באַלד איינגעטוישט דאָס אָפּגעלייזטע געלט אויף ברויט פאַר די קינדער.

פאַר זיך אַליין האָט זי כמעט נישט געזאָרגט, זי אַליין האָט געקניפּן די באַקן, כדי די פאַרב זאָל ביי איר שטיין... זי האָט תמיד געהאַט אַ תירוץ, אַז נאָר וואָס האָט זי אָפּגעגעסן.

אמערגסטן, וואָס זי האָט דערפון זייער געליטן, איז געווען די נויט און דער הונגער ביי די קינדער פון אירע שכנים, דאָס הייסט — ביי די קינדער, וואָס זענען טאָג־טעגלעך אריינגעקומען צו איר אין שטוב, ווייל זיי האָבן זיך געשפּילט מיט אירע אייגענע קינדערלעך.

די קליינע שרהלע מיטן בלאָנדן קעפּעלע האָר האָט געהאַט א בלייך פּנימל, מיט גרויסע בלאָע אייגעלעך, וואָס האָבן אזוי געשמייכלט צו איר, דער פרוי בראָנקע, געבעטן מחילה צוליב איר הונגער און צוליב איר שלעכטן אויסזען...

אלע האָבן געוווּסט, אז ביי שרהלען אין שטוב הונגערט מען. שרהלעס עלטערן זענען געווען אינטעליגענטן, וואָס האָבן געלעבט פון א נעבעכדיקער פּענסיע און מיט דער דאָזיקער פּענסיע פאר א גאנצן חודש געקאָנט אויסקומען מער נישט ווי א וואָך. און וואָלטן זיי כאָטש די דאָזיקע פּענסיע באקומען רעגולער אויסגעצאָלט, — האָבן זיי נאָך געמוזט חדשים לאנג וואַרטן, ביז וואנען מ'האָט זיי ראטעסווייז אויסגעצאָלט צו קליינע סומעס.

ביי אזא לאגע איז נישט געווען קיין ווונדער, וואָס שרהלע האָט אויסגעזען אזוי שלעכט, וואָס איר בלייך פּנימל איז געווען אזוי דורכזיכטיק און קרענקלעך בלאס, און אין אירע בלאָע אייגעלעך איז געווען אזא טרויעריקער שמייכל, וואָס האָט געקאָנט ארויסרופן צו איר נאָר רחמנות...

ס'איז קיין סוד נישט געווען פאר קיינעם, אז ס'גייען אדורך טעג, ווען אין שרהלעס שטוב הונגערט מען, אָדער מען לעבט איבער דעם טאָג מיט א ביסל וואסערדיקע זופּ, וואָס די מאמע קאָכט דאָרט אָפּ, כדי די קינדערס בייכלעך אָפּצונארן...

און דאָך האָבן שרהלע, איר ברודערל, און איר גרעסערע שוועסטער, וואָס איז אלט געווען פערצן יאָר, קיינמאָל נישט ארויסגעכאַפּט זיך מיט א וואָרט, אז זיי זענען הונגעריק. אזוי האָט מען איינגעפלאנצט אין די קינדער ביי שרהלען אין שטוב, אז מען דארף שטיל הונגערן, און מען טאָר עס נישט ארויסווייזן פאר קיינעם.

תמיד, ווען מען האָט זי א פרעג געטאָן, האָט זי געענטפערט, אז זי איז נישט הונגעריק, און אז זי וועט באלד גיין אין שטוב אויף מיטאָג אָדער אָוונטברויט.

וויפל מאָל די פרוי בראָנקע האָט איר נישט געפרוווט פארבעטן מיטצועסן מיט אירע קינדער, האָט זי אלעמאָל געפונען אן אויסרייד מיט א תירוץ, אז זי קאָן נישט, אז זי האָט נאָרוואָס געגעסן, און דאָס מיט אזא שמייכל פון אירע בלאָע אייגעלעך, וואָס האָבן, ווי געבעטן: — „מאטערט מיך נישט, און בעט מיך נישט, איך טאָר עס דאָך נישט טאָן"!...

די פרוי בראָנקע האָט פארשטאנען דעם קינדס נשמה, דאָס הארץ האָט ביי איר פון רחמנותדיקן ווייטיק אויפן קינד א פּיק געגעבן, אָבער דאָך האָט זי איר

מער וועגן דעם נישט דערמאָנט. און אפשר איז זי אינערלעך גאָר צופרידן געווען פון דעם, אז דאָס גאנצע ביסל עסן, דאָס שטיקל ברויט, וועט זיין נאָר פאר איר אייגן קינד אליין?...

זי האָט אָבער דאָך נישט געקאָנט פארטראָגן די אָנוועזנהייט פון א שכנהס א קינד בשעת דעם עסן. זי האָט דאָך געזען די זשעדנע אייגעלעך פונעם דאָזיקן קינד, בעת איר חנהלע עסט דאָס שטיקל ברויט. און זי האָט כסדר געבעטן אירע קינדער, זיי זאָלן נישט מיטנעמען קיינעם, ווען זיי קומען עפעס אָפעסן.

קינדער זענען דאָך אָבער נישט מער ווי קינדער, האָבן זיי טאקע וועגן דעם אלעמאָל פארגעסן.

די פרוי בראָנקע האָט דעריבער נישט געהאט קיין אנדערן אויסוועג, און כאָטש זי האָט געהאט א סך עגמת־נפש, האָט זי געגעבן אירע קינדער צו עסן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען דערביי פאראן זייערע הבהמעס פון הונ־געריקע שטובן.

די לעצטע טעג אָבער, דעמלט ווען די פרייזן פון ברויט, קארטאָפל און אלערליי גרויפן האָבן זיך אזוי געהויבן, אז יעדער ביסן איז געוואָרן א לוקסוס, האָט זיך פאר דער פרוי בראָנקע אָנגעהויבן א פרישע סדרה צרות.

זי האָט איצט זייער שטארק געליטן פון די בעטלער־קינדער. אין יעדן קינד האָט זי געזען אן ענלעכקייט צו אירע אייגענע קינדערלעך, און אין הארץ האָט גע־פיקט א שרעקלעכער געדאנק: — „צי וועלן מיינע קינדע־ איך דארפן אזוי בעט־לען א שטיקל ברויט“...

עס איז קיין שום קינד נישט אוועק פון איר טיר אָן א שטיקעלע ברויט, א קארטאָפל, א ביסעלע גריץ, גרויפן, אָדער לכל־הפחות אָן א גראָשן...

מיט דעם, האָט זי געפילט, קויפט זי זיך אָפ פון דעם בייזן גורל פאר אירע קליינע קינדער... אָבער שפעטער, ווען דער גראָשן האָט שוין קיין ווערט בכלל נישט געהאט, ווען די בעטלער־קינדער האָבן שוין קיין פינפער און צענער גראָשנס נישט געוואָלט נעמען, און זיך נאָר געבעטן א קארטאָפל, א ביסעלע גריץ, א קאפ געקעכץ, איז געוואָרן אזוי ביטער, אז מער האָט די פרוי בראָנקע צו דער טיר נישט געקאָנט צוגיין.

ס'האָבן איר אויסגעפעלט כוחות צו קוקן די דאָזיקע קינדער אין די פנימלעך, זעען זייערע בלייכע אויסגעמאָגערטע בעקלעך, די דארע קנאָכן ארויסשטארטשען דורך זייערע דינע הייטעלעך און די בעטנדיקע אייגעלעך, וואָס האָבן גלייכצייטיק געפאָדערט און געמאָנט: „ע—ס—ן!...“

די דאָזיקע בעטנדיקע אויגן, זייער רוף און פארלאנג, האָבן זי נישט געלאָזט צורו. תמיד זענען זיי איר געשטאנען פארן פנים און כסדר פארלאנגט און גע־שריגן: „ע—ס—ן!...“

לעצטנס האָט זי שוין קוים געקאָנט ארומשלייכן איבער דער שטוב, אזוי אויסגעמאטערט האָבן איר די דאָזיקע אויגן און אויך דער הונגער, וואָס האָט אָנגעהויבן אין איר אייגענער שטוב ארייַנצודרינגען.

איינמאָל אין א טאָג, ווען זי האָט זיך אזוי שטארק איבערגענומען מיט דעם הונגער פון די בעטלער־קינדער, האָט זי זיך געלייגט שלאָפן און איז א פארמאטערטע באלד איינגעזונקען אין שווערע חלומות.

איין חלום איז געווען א שרעקלעכער. ס'האָט זיך מיטאמאָל געעפנט די טיר פון שטוב, און ס'האָבן אָנגעהויבן ארייַנצוקומען פרעמדע מענטשן. די מענטשן זענען געגאנגען שטיל, מיט שווערע געמאָסטענע טריט, איינגעהאלטן און טרויעריק, אזוי ווי ביים מתעסק זיין זיך מיט א מת, — און יעדער פון זיי האָט געטראָגן א טויט קינד אויף דער האנט.

זיי האָבן איין קינד נאָך דעם אנדערן אוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, געלאָזט זיי ליגן און געבליבן שטיין ווארטן, ס'זאָל עמעצער קומען און זיי מאָן דאָס איבעריקע.

די פרוי בראָנקע — האָט זיך איר געדאכט — איז געשטאנען א פארשטיינערטע, דאָס הארץ האָט פון איבערנעמונג אויפגעהערט ביי איר צו קלאפן. און דעמלט, ווען זי האָט צוריקגעכאפט דעם אָטעם און געקאָנט שוין א טריט שטעלן מיט אירע געליימטע פיס, איז זי ווילד צוגעלאָפן צו די קינדער.

דאָס ערשטע קינד האָט זי באלד דערקענט. דאָס איז דאָך געווען שרהלע, איר שכנטעס קינד, די זעלבע, וואָס קומט דאָ יעדן טאָג ארויף שפילן זיך מיט איר הנהלען. אירע בלאָנדע העריעלעך זענען איצט געווען שווארץ, ווי דאָס טיכל, מיט וועלכן זי איז געווען איבערגעדעקט. די אייגעלעך פארמאכט, צוגעדעקט מיט די בלאסע, בלוטלאָזע וויעס. פון מויל איז קיין אָטעם נישט ארויס.

א קליינע ווײַלע איז זי אזוי געשטאנען און נישט געקאָנט קיין וואָרט ארויסרעדן. פלוצעם האָט זי זיך א ריס געגעבן פון אָרט. זי איז צוגעלאָפן צו שרהלען און גענומען שרייען צו די מענטשן אין שטוב מיט א קול, וואָס האָט ביי איר אליין ארויסגערופן רחמנות און טרערן אין די אויגן:

— שטייט נישט, מענטשן! די קינדער זענען נישט טויט! זיי לעבן דאָך! זיי זענען נאָר הונגעריק, שטייט נישט! גיט אהער צו עסן!...

און דעמלט איז א נס געשען — שרהלעס אייגעלעך האָבן זיך קוים צו באמערקן געעפנט. די וויעס האָבן זיך, נאָך שלעפעריק און מיד, נישט געקאָנט אינגאנצן אויפמאכן, און נאָר די בלאָע אייגעלעך האָבן געקאָנט א שמייכל געבן מיט דעם מאָדנעם און שטארקסטן באגער, אָן ווערטער: — — — ע—ס—ן!...

און די פרוי בראָנקע האָט דעם נישט ארויסגעזאָגטן באגער פון קינד פארשטאנען, פאמעלעך, אזוי ווי מען שפייזט א קליין פייגעלע, האָט זי איר געשטופט א שטיקעלע פיש, מיט א פיצעלע ברויט, איינס נאָכן אנדערן און כסדר.

און אזוי איז געשען מיט אלע איבעריקע קינדער. די מענטשן אין שטוב האָבן אויך אזוי געטאָן, און די טויטע קינדער זענען צוריק לעבעדיק געוואָרן...

אזוי האָט זיך דער חלום געצויגן ביז אין דער פרי. אויפצומאָרגנס, ווען די פרוי־ בראָנקע האָט זיך אויפגעכאפט און דערזען, אז דאָס אלץ איז נישט מער געווען ווי א חלום, האָט זי זיך פון בעט נישט געקאָנט אויפהייבן צוליב דעם איבערנעמונג און איז אזוי לאנג געלעגן, ביז וואנען עס איז איר איינגעפאלן א געדאנק: ביידע קינדער, די חברטעס פון אירע מיידעלעך, פארבעטן אויף דעם היינטיקן מיטאָג און אויף שבת אויף טשאָלנט.

מיט דעם געדאנק האָט זי זיך א בארואיקטע געקאָנט אויפהייבן און איז צו זיך געקומען נאָך דעם בייזן חלום...

דעם 2 מאי 1941.

שריי, ייד, שריי!

(בליצן אויף דער גאַס)

די וואָלקנס האָבן ארומגעוואנדערט איבערן הימל. עפּעס איז דאָרט געווען א גערודער אין דער הייך. צי האָט עס געמאכט דער ווינט, וואָס האָט געיאָגט און געטריבן די פארכמארעטע וואָלקנס, געשלאָגן זיי מיט רציחה אזוי שטארק, אז זיי האָבן אזש געמוזט מיט א גרויסן רעגן צעוויינען זיך פאר דער וועלט איבער זייער אומגליקלעכן גורל?...

פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך א וועג א ריזיקער זייל ליכט דורך דעם פארכמארעטן הימל, און וויל מאכן אן אָרט פאר דער זון, וואָס איז נאָרוואָס אויפגעשטאנען, און עס גלוסט זיך איר אפשר א קוק געבן אויף דער וועלט, זען, וואָס דאָרט הערט זיך?

א גרויסער קאמף, זעט אויס, קומט דאָרט פאָר אויבן. די זון האָט זיך שוין מיט געוואלד דורכגעלייגט א וועג איבערן הימל, געגעבן אויף א ווייל א בליק, א שמייכל, א גלעט די וועלט. אינצווישן האָבן די וואָלקנס זיך צעבונטעוועט און מיט שטורעם א לאָז געטאָן צו דער זון. אזוי לאנג זיך געראנגלט, ביזוואנען די צעשמייכלטע זון האָט געמוזט זיך אונטערגעבן, אריין צוריק אין איר פוטער־פאס...

אָדער אפשר איז עס גאָר קיין קאמף נישט געווען? אפשר האָט גאָר די זון אליין נישט געוואָלט ארויסקומען אויף דער וועלט, נישט זען די מענטשן, נישט אָנקוקן זייערע פינצטערע פנימער און נישט שמייכלען צו קיינעם?...

די וועלט מיט אירע מענטשן האָבן נישט אין זינען נישט די לייכטנדיקע זון, נישט דעם קאלטן רעגן, און נישט דעם פארכמארעטן הימל מיט זיינע בייזע, שלעכטע ווינטן און צעוויינטע וואָלקנס.

אָט האָט זיך איינער א מענטש אָפּגעשטעלט אויף דער גענשע גאס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט פון ברעג טראָטואר, א שאָקל זיך געגעבן, א וואקל, נאָכאמאָל אזוי א שאָקל און א וואקל, און א פאל געטאָן מיטן פנים צו דער ערד...

וואָס איז מיט אים דאָרט געשען אזוינס?...

א רגע האָט געדויערט, און מיטאמאָל האָט זיין קערפּער זיך גענומען הייבן ארויף און אראָפּ. קאָנוולסיע, קראמפּן, שוידער, צאַפּלעניש — וואָס איז עס אזוינס?...

א מחנה מענטשן האָבן זיך געשטעלט ארום אים, געשאָקלט מיט די קעפּ אהער און אהין. עמעצער האָט א שטילע טרער געלאָזן פאלן. איינער האָט א קרעכץ געגעבן, א צווייטער האָט זיך שטארק פארקוקט אויף דעם ליגנדיקן: געטראכט מסתמא, צי ער אליין וועט אויך אזוי נישט פאלן, און געווים שוין געזען זיך ווארפן אין יסורים ארויף און אראָפּ, ווי דער דאָ...

אן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צוויי מונדירטע לייט פון אויטאָ האָבן זיך נאָך פריער, איידער דער מענטש איז געפאלן, פארקוקט אויף אים. זיי זענען זיכער געווען, אז דאָס איז א שיכור, באזויפט זיך מיט בראָנפן, און וואלגערט זיך איצט אין די רינשטאָקן...

— וואָס איז דאָ געשען מיט דעם מענטש? — האָט איינער פון זיי געפרעגט די ארומיקע.

— הונגער־טויט! — האָט א פרוי אים געענטפערט מיט א כעס אין קול.

— הונגער? — די פראגע פון דעם מיליטערמאן האָט געקלונגען מיט א מאָדנעם פּחד אין קול.

ביידע מונדירטע האָבן געגישטערט מיט די אויגן צווישן די מענטשן ארום, געוואָרפן זייערע צעשראָקענע בליקן פון איין פּנים אויפן צווייטן און גלייך באַהאלטן די אויגן מיט שטארקער אימה...

אין די אלע בלייכע באקן פון די מענטשלעכע פּנימער, אין די ארויסשטארטשנדיקע קנאָכן און געלע הויטן, אין די מיט הונגער פארגלאָצטע אויגן האָבן זיי דערזען דעם זעלבן טויט, וואָס איז דאָ פאר זייערע אויגן געלעגן אין קראמפּן...

ביי די מיליטער־לייט האָבן זיך פארקריצט די ציינער פון גרוים שרעק, וואָס איז זיי באפאלן פאר דעם טויט, וואָס האָט זיך דאָ ארומגעשלייכט צווישן די פארלאָשענע, אומגליקלעכע יידן...

א דריי מיט דער אויטאָ־קאָרבע האָט ווי א דונער אויפגעטויכט אין דעם ארום. דער גענעראַטאָר האָט זיך אָנגעצונדן, און די מיליטער־לייט זענען אנטלאָפן, געיאָגטע פון דעם אייגענעם פּחד.

די זון, וואָס האָט באוויזן אויף א ווײַלע ארויסצוקריכן זיך אין דרויסן, אז בליק צו ווארפן אויף דער אכזריותדיקער וועלט, און געוואָלט מיט א ליכטיקן שמייכל אויפמויכן א האָפענונג צווישן די מענטשלעכע ברואים, — די זון האָט זיך אויך דערשראָקן פאר דעם אין קראמפּן ליגנדיקן גוסס און איז אין בהלה אנטלאָפן...

בלויז די וואָלקנס האָבן זיך געיאָגט אין א ווילדן גאלאָפּ איבער דעם פאַרכמארעטן הימל און געגאָסן זייערע ביטערע טרערן איבער דעם בייזן גורל פון די מענטשלעכע באַשעפענישן...

* * *

אַט האָט א דאַרער פּאַרשוין — א נישט געגאָלטער, מיט לאַנגע וואָנסן, מיט בליצן פון א מאָדנער בייזער קרענק אין די גיריקע אויגן, אין א צעריסענעם מאַנטל, מיט האַלב באָרוועסע פיס און אָן א היטל — אָפּגעטשאַטשעוועט א קליין מיידל פון א יאָר דרייצן. ווען זי האָט ענדלעך, נאָך א לאַנגן דינגען זיך, געקויפט א פערטל פון א ראַזאָווע מלחמה־ברויטל, האָט ער עס איר פון דער האַנט מיט רציחה אַרויסגעריסן און אין איין רגע גאַנצע שטיקער זיך אין מויל אַריינגעשטופּט.

דאָס מיידל איז ווילד געוואָרן. זי האָט מיט די נעגל דאָס מויל זיינס געדראַפּעט, ווי זי וואָלט יעדן ביסן געוואָלט פון אים אַרויסרייסן...

מענטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט. איינער האָט דעם דאַרן פּאַרשוין מיט עקשנות געקאָפּעט מיט די פיס. אַן עלטערע פרוי האָט ווידער אים געזידלט, פאַרוואָס ער שלאָגט אַזוי א הונגעריקן. און באַלד האָבן זיך די מענטשן אַרום זיי איינער דעם אַנדערן געזידלט און געשלאָגן מיט כעס און רציחה, איינשטעלנדיק זיך איטלעכער פאַר זיין צד.

פּלוצעם האָט א געשריי פון א פרוי און א געוויין פון א קינד אויפגעריסן די גאַס פון איר אימפּעטיקן הו־הא.

די צדדים האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן, געלאָזט דעם שלעפּער אַליין מיט זיין ביסן אין זיין צעשלאָגן מויל און דאָס מיידל באַוויינען דאָס איבערגעבליבענע פון איר פערטל ברויט.

א מאַמע אין אָפּגעריסענע קליידער האָט געשלאָגן א קינד פון א יאָר ניין. אָרעם און בלייך האָבן ביידע אויסגעזען. די מאַמע האָט געוויינט מיט טרערן, געשלאָגן דאָס קינד און דערביי געוואָרפן אין דער וועלט אַריין אירע קללות:

— בהאַנדיק זאָלסטו מיר ווערן! אַ בייזער מאַגער זאָל דיך אַרומכאַפּן! א נכפה זאָל דער טאַטע מיט דיר צוזאַמען איינגעמען אין די גערערעם! אויסגעריסן זאָלסטו מיר ווערן ווי גרויס דו ביסט! א בייז פייער זאָל דיר די בעבעכעס אויסרייסן!...

די קלעפּ זענען געפאַלן פּונקט אַזוי אומזיניק, ווי די קללות. מיט די לעצטע כוחות האָט זי געשלאָגן, דעם אָטעם קוים געקאָנט כאַפּן. די בלאָע אָדערלעך אויף איר גערונצלטן שטערן, געל־פאַרהונגערטן פּנים האָבן דאָס לעצטע ביסל בלוט אַרויסגעצויגן פון אירע איינגעווייד, כדי זי זאָל קאָנען מיטן גאַנצן ביסל

אימפעט, מיט דער לעצטער רציחה אין איר גוף, מיט דעם אוממעכטיקן כעס, מיט דעם אומבאגרענעצטן מאמע־רחמנות גלייכצייטיק, ארויסשלאָגן פון קינד דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט...

די מענטשן ארום האָבן געליארעמט.

— וואָס איז דאָס אזוינס! אזוי שלאָגן א קינד?

— א מאמע איז דאָס? ארעסטירן וואָלט מען זי געדארפט!

— אזעלכע מאמעס וואָלט מען געדארפט שיסן, אויף א לאמטערן אויפהענגען!

— פארוואָס שלאָגט איר אים, פארוואָס? מען וועט אייך באלד צורעכט מאכן, וועט איר דעמלט פילן, וואָס עס הייסט ווייטיק!

די מאמע האָט די גאנצע צייט נישט געקוקט אויף די מענטשן. זי האָט געקלאפט און געפאטשט איר קינד איבער דער פלייצע, אין די דארע בעקלעך, און ווו נאָר זי האָט אָנגעטראָפן. אָבער נאָכן אויסגעשריי, אז מען וועט איר דאָ באלד ווייזן, וואָס עס הייסט אזוינס ווייטיק, האָט זי אויפגעהערט צו שעלטן און געוואָרפן א בליק אויף דעם שלעפער, וואָס האָט ביי דעם מיידל דאָס ברויט ארויסגעריסן. זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם יונג מיט דער האנט און איז ווידער ארויס מיט איר לשון און מיט אירע קלעפ:

— אזוי זאָלסטו רייסן ברויט און פרעסן ביי אנדערע! נאָר אזוי! איך האָב פאר דיר גאָרנישט! בלויז מיינע צרות און הארצווייטיק קאָן איך דיר געבן!...

— נא! — האָט זי אים א ריס געגעבן פון אָרט — פליק אָפ מיין פעל און צעקיי זי! ביי מיר איז גאָרנישטאָ וואָס צו רייסן, וואָס צו בעטן! נאָר אַזוי, ווי יענער, לערן זיך אוים כאפן צו פרעסן! איך וועל עס דיר אויסלערנען, נאָר אזוי!...

און די פעטש האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן...

די מענטשן זענען זיך צעלאָפן מיט שרעק אין די אויגן, ווי פון א פעסט...

די זון, וואָס איז געווען נייגעריק א קוק צו געבן אויף א ווייל, פארוואָס די מענטשן זענען זיך אזוי צעלאָפן, האָט איר בליק געוואָרפן אויף דער מאמע מיט איר קינד, אָבער באלד האָט זי איר ליכטיקע שיין צוריקגעכאפט און איז מיט בהלה אנטלאָפן אונטער א וואָלקן...

* * *

אויף דער לעשנע־גאס איז א מיידל פון א יאָר זעכצן געגאנגען שפאצירן און געשמייכלט צו זיך. פלוצעם איז איר באפאלן א שרעק. זי האָט דערזען:

א בחור פון א יאָר צוואָנציק, אירער א באקאנטער, איז איר אנטקעגנגעקומען. ער איז געגאנגען אין א צעריסענעם מאנטל, איין ארבל איז געווען אינ־

גאנצן צעפּליקט, שטיקער פון זיין שמוציקן העמד האָבן פון הינטער דעם אָרבל אַרויסגעקוקט. די הויזן האָבן פון הינטן און פון פאָרנט אַרויסגעוויזן די אַמאָל ווייסע גאַטקעס. זיינע באָרוועסע פיס האָבן געפּאַטשט איבער דעם פאַרבלאָטיקטן טראָטואַר און געפּליעסקעט דאָס רעגן-וואַסער אַרום זיך. אָן א היטל האָט דאָס פּנים געוויזן לאַנגע פּאַסן בלאָטע געמישט מיט בלוט און טרערן.

דער בחור איז געגאַנגען און האָט מיט שטאַרע בליקן געקוקט אויף אַלע-מען און קיינעם נישט געזען. נאָר וואָס איז ער צוריקגעקומען פון צוואַנגס-לאַגער. א וואונדער, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט שלעפּן זיינע שווערע פיס מיט דעם צעווייטיקטן גוף, וואָס איז פול געווען מיט פאַרוואונדעטע לייב פון גראָבע נאַהייקעס, וואָס האָבן עם לאַנגע טעג געהאַקט און געקאַטעוועט...

א בליץ אין זיינע אויגן האָט אויף א רגע באַשיינט זיין פּנים און איז צע-שוווּמען געוואָרן, ווען ער האָט דערזען די שרעק אין דעם מיידלס בליק. ביידע זענען אַנטלאָפן מיט פּחד אין די הערצער אויף צוויי אַנדערע זייטן...

אַזוי האָט אויך די זון געטאָן, נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו זען די פאַרצווייפלטע שרעק אויף די קינדערס פּנימער. דער פּחד און דער אומגליק פון געפּייניקטע קינדער האָט דעם זייל זונען-שטראַלן מער נישט געלאָזט אַרויס-קומען...

* * *

א טראַמוויי איז געפאָרן איבער לעשנע-גאַס. פול אָנגעפּאַקט איז ער געווען, און געפירט האָט אים א שאַנד-פלעק פון א צייכן, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דעם פאָלק ישראל...

מיטאַמאָל זענען עטלעכע לוסטיקע מיליטער-לייט צוגעקומען, אַוועקגע-שטעלט זיך איבער דער ברייט פון דער גאַס, אויף די טראַמוויי-רעלסן און גע-געבן א צייכן דעם מאָטאָר-פירער צו פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי:

— יידן אַרויס! — האָט די לוסטיקע יונגע חברה זיך צעזונגען.

די שמעקלעך און די בלויזע הענט זייערע האָבן געהאָלפן אַלע יידן גיך אַרויסשפּרינגען פון טראַמוויי. זיי האָבן דאַסמאָל קיינעם אויף אַרבעט נישט געכאַפּט, נישט מיטגענומען מיט זיך אויף צוואַנגס-אַרבעט, נאָר צעיאָגט זיי און צעטריבן אויף אַלע זייטן...

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם ליידיקן טראַמוויי, געשושקעט זיך עט-וואָס מיטן מאָטאָר-פירער, וואָס האָט זיי גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר צוגענומען ביי זיי די פּאָר גילדן אויף א שנאַפּס, און אָפּגעפאָרן דאָרטן, ווו זיי האָבן אים מיט די פינגער אָנגעוויזן...

די לוסטיקע חברה האָט זיך צעזונגען. די יידן אויף דער גאס זענען געשטאַנען און געקוקט, געוואַרט מיט פחד אין די אויגן, וואָס דאָ וועט ווייטער געשען, און זיך אויף דעם ווייטערדיקן נישט געקאָנט דערוואַרטן...

בלויז איינער א דיקער פאַרשוין, מיט רויטע אָנגעפרעסענע באַקן, מיט גראָלעכע וואָנצעס, אַרויפגעדרייט שפּיציק אין דער הויך, מיט ברעמען, וואָס האָבן בייזלעך געשפּאָט פון דעם אַרום — א מאמין פון קריסטוס דעם אויסלייזער* — האָט א ווײַלע געקוקט מיט זיינע שמאַלציקע אויגן אויף די מענטשן אַרום און זיך פלוצעם הויך, אויף א קול צעלאַכט...

מיטאמאָל אָבער, נאָך איידער דאָס געלעכטער זיינס האָט באַוויזן זיך איינצושטילן אין זיין קעל, האָט א מאָדנער פחד געצוווּנגען זיינע ברעמען צו פאַרשטעלן מיט בושה די אויגן, און זיינע פיס פון אָרט אַוועקצויאָגן מיט בהלה...

אויך די זון, וואָס האָט זיך א פאַרוווּנדערטע צוגעהערט צו דעם מענטשלעכן געלעכטער אין דרויסן און געוואָלט פון התפעלות איר ליכטיקע שיין אויף דער וועלט אַרויסשיקן מיט א פריילעכער בשורה, האָט מיט שרעק און אימה א צאַפּל געגעבן איבער די וואָלקנס און גיך זיך אונטער זיי צוריקגעצויגן...

* * *

הינטער א טויער פון יענער זייט געטאָ האָט אַן אַרישער שומר** פאַרהאַלטן צוויי יידישע קינדער. ער האָט זיך געדונגען מיט זיי גאָר לאַנג, געפּרוּווט מיט גוטן און מיט קלעפּ אַרויסבאַקומען עטלעכע גילדן כאַבאַר און דאָס בשום אופן נישט געקאָנט, ווייל די קינדער האָבן קיין גראָשן געלט נישט געהאַט.

פלוצעם האָט זיך באַוויזן נעבן טויער א מאָטאָר־וועליסאָפּעד מיט צוויי זשאַנדאַרן. ביידע זענען גיך אַראָפּ פון וועליסאָפּעד, צוגעגאַנגען צום שומר און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט פאַרהאַלטן די צוויי אָרעמע קינדער.

נאָכדעם ווי דער שומר האָט אויפגעקלערט, אַז די יידן זענען דאָ געקומען שמוגלען אויסער דעם געטאָ, האָבן די צוויי מונדירטע פריינדלעך געפּאַטשט די קינדער איבער די בלייכע בעקלעך און געהייסן זיי גיך אַריבערשפּרינגען דעם טויער.

מיט די לעצטע כוחות, אָבער פלינק, זייער פלינק, האָבן זיך די דאַרע פּיסלעך און די הענטלעך געקלאַמערט אין די גלאַטע ציגל פון טויער, צעבלוטיקט די פינגער, ביזוואַנען זיי זענען שוין געווען אויף דעם דאַך פון טויער.

* א משומד. משומדים זענען אויך פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר עפּעס בעסערס פון די יידן. אויך דער יודענראַט האָט זיי פּריווילעגירט (באַמערקונג פון רעד.).

** א פּוילישער פּאָליציאַנט, א „גראַנאַטאָווער" — באַמ. פון רעד.

א דונערדיקער הילך האָט אָפּגעקלינגען ווייט אין דעם חלל. צוויי יונגע קער־פּערלעך פון צוויי יידישע קינדער זענען צוריקגעפאלן אויף דער צווייטער זייט מויער און באשפּריצט די הייליקע ערד מיט א פלייצנדיקער רויטקייט.

א זשאנדאר האָט באפוילן דעם שומר צוצוגיין און נאָכזען, צי ביידע אויס־געשאָסענע קוילן האָבן אין דער אמתן געטראָפן גלייך די קינדער און זיי אוועק־געלייגט טויט...

ווען דער שומר איז צוריקגעקומען מיט דער באשטעטיקונג, האָט דער זשאנדאר געשמייכלט און מיט שטאָלץ אין זיין קול געזאָגט צום אנדערן:

— זעסט! פופציק מעטער ווייט און גלייך אין ציל געטראָפן!...

דעם שומרס פנים האָט פון שרעק זיך פארפינצטערט. אזוי איז אויך גע־בליבן אין פחד דער ליכט־שטראל פון דער זון, וואָס האָט געוואָלט א בליק געבן אויף די צוויי טויטע קינדערלעך און מיט א שמייכל באשיינען, א גלעט געבן זייערע דערשראָקענע פּנימלעך...

* * *

אויף א ראָג פון דער פאוויע־גאס איז געלעגן א טויטע פרוי, פון הונגער איז זי געפאלן, צי פון קעלט, אָדער אפשר האָט איר עמעצער, אן אָרעמער קרוב, אהער ארויסגעטראָגן, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין גראָשן צו באצאָלן פאר איר קבורה־געלט?

לאנג איז דער טויטער קערפּער געלעגן. מענטשן זענען פארבייגעגאנגען, איינער האָט א שטילן קרעכץ געגעבן פון מיטגעפיל, פון ווייטיק, א צווייטער האָט זוי צו זיך גערעדט:

— איר איז שוין בעסער פון אונדז.

אנדערע האָבן צומאָל זייערע בליקן נישט געוואָלט ווארפן אויף דעם טויטן גוף, און געשווינד זענען זיי געלאָפן צו זייערע באשעפטיקונגען.

עמעצער האָט א שמוציק טוך ארויסגעבריינגט, פארדעקט מיט דעם דאָס געשוואָלענע פנים פון דער טויטער פרוי: וואָס האָט ער מורא געהאט פאר איר? זי האָט דאָך שוין געשוויגן, כאָטש די ציין האָבן איר פון צווישן די ליפן ארויס־געשטארצט, ווי זי וואָלט מיט כעס זיך געזעגנט מיט דער וועלט. קיין עסן האָט זי שוין פון קיינעם נישט פארלאנגט...

דער מת איז געלעגן לאנגע שעהן, א טאָג און א נאכט, ביז וואנען מען האָט באפוילן צוצונעמען און קובר זיין.

נאָר איידער דאָס איז געשען, האָט עמעצער, א שלעפּער, וואָס האָט זיך נאָך אין זיין בידנעם לעבן געקלאמערט מיט די הונגעריקע הענט און נעגל, די

שיך פון דער טויטער פרוי אראָפּגעצויגן; מסתמא פאר דעם געלט א ברויט פאר זיך אָדער זיינע קינדער צו קויפן.

און די באָרוועסע פיס, וואָס האָבן געשמייכלט צו דער זון מיט דער גוטסקייט און ליבע פון א טויטן, וואָס האָט נאָך א לעבעדיקן געקאָנט העלפן, — די דאָזיקע קאלטע פיס האָבן דעם ליכטיקן שמייכל פון דער זונס ווארעמען שטראַל ארונטערגעריסן, און די פארפרוירענע זון, וואָס האָט אזא קאלטן קבלת־פנים געהאט, איז מיט גרויס חרפה צוריקגעיאָגט געוואָרן און איר נעסט אריין...

* * *

פון א צוקערניע אויף סמאָטשע גאס איז א יונגער מענטש ווילד ארויסגעלאָפן. די מאריניארקע צעפלאָשעט, די קרומע קינען האָבן זיך נאָכמער איינגעבויגן, מער איינגעשרומפּן געוואָרן, דעם הארן בויך האָט ער מיט מאָדנע גרימאסן געפלייסט זיך וואָס דיקער און וואָס בייכיקער צו מאכן, און זיין געדונצלטער שטערן האָט געלאכט מיט שפּאָט און מיט חוזק צו די מענטשן ארום:

— אלע גלייך, אלע גלייך! הא, הא, הא! אלע גלייך!...

ער איז צוגעשפּרונגען צו איינעם א פארבייגייער, א דיקלעכן פארשוין, משוגעניערווייז אים געקלאפּט איבער דעם בויך מיט א געלעכטערל פון הנאה און פרייליך געשריגן:

— הא? נישטאָ קיין בויך! אלע גלייך, אלע גלייך! הא, הא, הא!...

און אזוי האָט ער זיך מיט די הענט געפּאטשט דעם אייגענעם דארן בויך און איז מיט זיינע ווילדע קרומע קניען אקעגנגעלאָפן אן עגלה פון פינקערטס מתים־הייזל און זיך צעשריגן מיט א הייזעריקן געלעכטער:

— יינגל, האלט זיך! גיב אהער די באָנע! יינגל, האלט זיך! אלע גלייך! הא, הא, הא! אלע גלייך! הא, הא, הא!...

* * *

א מאמע האָט ארויסגעפירט א קינד אויף דער גאס און זיך מיט דעם אוועקגעזעצט בעטלען אויף דעם גאסן־טראָטואר. ווי לאנג זי איז אזוי געזעסן, האָט קיינער נישט באמערקט. נאָר פּלוצעם איז איר בעטלעריש, הונגער־קראנק געוויין אנטשוויגן געוואָרן. צוזאמען מיט איר גוף איז דאָס געשריי אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן...

מענטשן, פארבייגייער, זענען צוגעפאלן צום קינד, געריסן עס פון אלע זייטן און געוואָלט פון דער טויטער מאמע אוועקשלעפּן. דאָס קינד האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, בײַ קיין אופן זיך נישט געלאָזט אָפּרייסן פון דער מאמען. די

הענטלער האָבן זיך געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות און זיין געשריי: מאַמע, מאַמע! — איז אויפגעגאַנגען צום הימל מיט אַ וואָלקן, ווי אַ שאָטן...

די פאַרגלייזטע אויגן פון דער טויטער מאַמע האָבן געקוקט שטום צום הימל אַרויף און געפאָדערט, פאַרלאַנגט מיט אַן אומגעהערטן געשריי: העלף פאַר איר יעלנט געבליבן קינד.

דעמלט האָט די זון זיך צעשטורעמט אין די הימלען. די וואָלקנס האָבן אויפגענומען דעם ווילדן קאַמף מיט דער זון. מיט צאָרן און געוואַלד האָבן זיך די וואָלקנס געוואָרפן. שניי און וואַסער האָבן זיך דער אין דער וועלט געלאָזט און אַ הילכיקער רוף איז זיך צעשוומען, ווי דאָס וואַסער און דער שניי אין דער וועלט, צעקלאַפט געוואָרן אין די מויערן און נישט דערגאַנגען צו די מענטשן:

— שריי, ייִד, שריי! — האָט אַ שטילער רוף אומגעהערט זיך געשאָטנט אין דעם פוסטן חלל...

21־טן מאַי 1941.

אָן אַ היים

דעם טאַטן האָט ער שוין אינגאַנצן נישט געדענקט. פאַר דער מלחמה איז ער געווען א בעטלער, ווי זיין מאַמע. ווי דורך א נעפּל געדענקט ער זיין פאַר־מלחמהדיקע היים: א נאָרע ערגעץ אין א קעלער־שטוב, פול אָנגעוואָרפן מיט אלטע שמאַטעס, קריגעלעך, טעפּעלעך, שטיקלעך ברויט, ביינער און אלערליי מכשירים, וואָס זיי האָבן אויסגעבעטלט אָדער געפונען, צי גאָר בגניבה ביי עמעצן צוגענומען.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער שוין אלט געווען אריבער ניין יאָר. זייער פריערדיקע היים, אויף סטאַווקע־גאַס, איז פארברענט געוואָרן דורך אַ בראַנד־באָמבע. ער און די מאַמע האָבן פון יענער צייט אָן שוין קיין אייגענע היים נישט געהאט. ווו זיי האָבן נאָר געפּרוווט זיך באַזעצן, אריינדרינגען, האָט מען זיי באלד פון דאָרט משלח געווען. די נשׂרפים, איצטער אויך אָרעמע לייט, כמעט בעטלער, האָבן זיי, די פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער, מיט זייערע גיריקע און פרעסערישע אויגן, נישט געקאָנט פארטראָגן. מען האָט זיי אלעמאָל געטריבן פון זיך, און אזוי לאַנג, ביזוואַנען מען האָט זיי מער נישט אריינגעלאָזט אין דעם נאַכטלעגער־פּונקט פאַר היימלאָזע, און זיי זענען ווידער געבליבן אָן א היים, אָן א דאַך איבערן קאָפּ.

ביז איינמאָל ביינאַכט איז די מאַמע קראַנק געוואָרן, שווער געסאַפּעט און נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. ער, דער צעניאָריקער בעטלער־זון, האָט זיך צע־וויינט דאָס ערשטע מאָל מיט אן אמתדיק געוויין. זענען אויף זיין געשריי אָנגע־לאָפן שכנים און איצט ערשט באַמערקט, אז שוין פון א לענגערער צייט „שלאָפן“ צוויי מענטשלעכע ברואים לעבן א בוידעם, אויף דער גאָלער האַרטער האָלצערנער פּאָדלאָגע, אָן שום זאַך צוצודעקן, אין אזא שווערן ווינטער.

די מאַמע האָט מען ערגעץ אוועקגעפירט, און אים האָבן מענטשן אַרומגע־שלעפּט א גאַנצן טאָג אין פארשידענע אינסטיטוציעס, ביזוואַנען מען האָט אים באַזעצט אין א יתומים־הויז.

די טעג, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער נייער היים, זענען געווען אומרואיקע, שטורמישע. מען האָט דעם יתומים־אַנשטאַלט איבערגעוואָרפן, געשלעפּט און

טראנספּאָרטירט, אזוי ווי די גאנצע יידישע באפעלקערונג, פון איין אָרט אויפן צווייטן, פון איין שטעטל אין אנדערן, ביז מען האָט אים באזעצט אין ווארשע, אין אן אייגן הויז, ווו עס איז פריער, איידער ס׳איז געשאפן געוואָרן דער יידישער וווין־קווארטאל, געווען א היים פאר „ארישע“ קינדער.

אין אָנפאנג האָט מען אויף אים קיין ספּעציעלן אכט נישט געלייגט. ער איז געווען אזוי, ווי אלע קינדער, וואָס האָבן אין פארלויף פון די אומגליקלעכע מלחמה־טעג נישט געהאט קיין שום נאָענטע, קיין פאמיליעס, קיין אייגענע היימען. אלע זענען געווען נישט מער ווי יתומים.

שפּעטער אָבער, ווען די ארבעט אין יתומים־הויז האָט זיך שוין ווי עס איז איינגעשטעלט, די איבערגעבליבענע מאמעס אָדער טאַטעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאראינטערעסירן מיט די קינדער זייערע, אָדער צו א טייל זענען געקומען משפּחה, איז ער, דער בעטלער־זון, געווען כמעט דער איינציקער, וואָס צו אים איז קיינער נישט געקומען און ס׳האָט זיך מיט אים קיינער נישט אינטערעסירט.

זיין לערערין, די פרוי חנוהקע, האָט אים שוין עטלעכע מאָל געפרעגט, ווי ער הייסט, געוואָלט אים פארשרייבן און רופן ביים נאָמען, אָבער ער האָט תמיד געקוקט מאָרנע, ווי פארשטאַרט אויף איין פונקט, און געשוויגן.

די לערערין האָט נישט געוואָלט ווירקן אויף אים מיט בייזן, פלעגט זי צו אים צוגיין גלעטן אים דאָס קעפּל, רעדן צו אים ווייך, הארציק, פרעגן, מאָנען א וואָרט, אָבער ער פלעגט קיין איין זילב פון מויל נישט ארויסלאָזן.

בלויז זיינע שווארצע אויגן פלעגן מיט א בעטנדיקן גלאנץ עפּעס פארלאנגען פון זיין דערציערין, זוכן און ווארטן אויף א וואָרט, וואָס זי האָט אים צו זאָגן, און זיך הערויף נישט דערוווארט.

און איינמאָל, אויפצומאָרגנס נאָך דעם, ווי די דערציערין האָט נאָכאַמאָל געפּרווט ארויסבאקומען פון אים זיין נאָמען און נישט געקאָנט, האָט ער צום סוף געקריגן א נאָמען...

דאָס איז געווען סוף מערץ, ווען אין דרויסן האָט דער ווינט געטריבן די גראָע וואָלקנס מיט שניי און וואסער, כדי צו מאכן א וועג פאר דער זון און אויסצולייטערן דעם נאָך גראָען פארנעפּלטן הימל, האָבן די קינדער געטראָפן דעם קליינעם בעטלער־זון ארויסקוקן דורך א פענצטער אין גאָרטן אריין.

דער גאָרטן איז געווען זייער א גרויסער. צוויי הונדערט מעטער די לענג און אן ערך דריי הונדערט די ברייט. ביי די זייטן און אינמיטן גאָרטן זענען געוואקסן א צענדליק ריזיקע קאשטאַן־ביימער. הויכע, שטאָלצע ביימער, מיט ברייט פאנאנדערגעשפּרייטע צווייגן האָבן זיך געוויגט אויף אלע זייטן וועלט, געשפּילט זיך מיט דעם ווינט, געלאָזט זיך גלעטן פון אים, יאָגן, טרייבן, און יעדעס מאָל שטאָלץ, מיט איינענער זיכערקייט, אָפּגעוואָרפן אים צוריק, ביז ער האָט געמוזט א באזיגטער, אָן כוחות, אנטלויפן פון זיי...

א מחנה קראָען, גרויסע, שוואַרצע, האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע ביימער, אָנגעמאַכט א גרויס געפּילדער מיט זייער קראַקערײַ און גענומען זיך בויען נעסטן אויף די צווייגן.

דער קליינער בעטלער־זון איז געשטאַנען אויף איין אָרט, געווען אײַנגאַנצן איין שטיק צאַפּלעניש. זײַנע אויגן זענען גרעסער געוואָרן, דאָס פּנים אויסגעצויגענער אין דער לענג, זיין נאָז האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווי דער שנאָבל בײַ די קראָען; ער האָט אויך געברומט, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט נאָכמאַכן, און מיט די הענטלעך מיט די פּיסלעך האָט ער געאַרבעט, אַזוי ווי די קראָען...

ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיט די קראָען בויען מיט דעם אויסגעצויגענעם שנאָבל זײַנעם די דינינקע צווייגעלעך פון א בוים און זיי צוהעלפן מיט די נעגל פון זײַנע האַרע הענטלעך אָפּצוברעכן יעדעם ברעקעלע צווייגל, צוהאַלטן עס און אַוועקפּליען, אָפּטראָגן אין דער נייער נעסט...

אין העמלט, ווען די קינדער זענען פאַרבײַגעגאַנגען און דערזען דעם בעטלער־זון אַזוי פאַרגאַפט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, האָט מיטאַמאָל א קינד אויסגעשריגן מיט א נישט־דײַטלעך שטימעלע:

— אוי, א בראָנע, א בראָנע!...

דער בעטלער־זון האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו דעם שרייער, אַזוי ווי מען וואָלט אים פון שלאָף אויפגעוועקט. ער האָט א קוק געגעבן מיט צאָרן אויף דעם, וואָס האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן זײַן אַרבעט, די אייגעלעך האָבן ווילד א בלישטש געטאָן, און ער האָט אויסגערופן, דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז דאָ אָנגעקומען, מיט א מענטשלעך קול:

— מיך רופסטו?... וואָס ווילסטו פון מיר?...

דער שרייער איז געבליבן שטיין ווי צעמישט; א ביסל פון דעם, וואָס ער איז נישט געווען געוווינט, אַז דער בעטלער־זון זאָל רעדן, און אויך דערפאַר, ווייל ער האָט גאָרנישט אים אין זינען געהאַט, נאָר אויסגעשריגן אַזוי, בשעת ער האָט דערזען די קראָען, אָנשטאָט „וואָראָנע" — „בראָנע". באַזונדערס האָט ער זיך איבערגענומען מיט דעם בייזן אויסזען פון דעם בעטלער־זון — ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַזוי ווי א קראָ וואָלט זיך אויף אים געוואָלט א וואָרף געבן און די אויגן אויסדראַפּען...

דאָ האָט זיך אָבער די דערהציערין הנהקע אַרײַנגעמישט:

— דו הייסט וואָראָנע?...

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף „יאָ"...

פון דעמלט אָן האָט דער בעטלער־זון געקריגן דעם נאָמען: „וואָראָנע".

אָבער די קינדער האָבן אים דעם נאָמען אויסגעבעסערט. זיי האָבן אים גערופן „בראָנער". און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן בײַם דאָזיקן נאָמען. און זינט

ער האָט געקריגן דעם נייעם נאָמען בראָנער, ווי די קינדער האָבן אים געקרוינט, אָדער וראָנגע, ווי די לערערין האָט אים גערופן — האָט ער זיך שטאַרק איבערגעוואונדערט.

נאָר פּלוצעם האָבן אָנגעהויבן צו פעלן פאַרשידענע קלייניקייטן אין אינטערנאַט. דאָ איז פאַרלוירן געוואָרן א טעצעלע פון אונטער דער גלאָז אָפּער ביי א דערציערין. אַ צווייט מאָל האָט זיך א קינד אויסגעטאָן א זאָק אין צימער, איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, כדי אוועקצושטעלן דעם שוך, און ווען ס'איז צוריקגעקומען, איז שוין דער זאָק נישט געווען...

און אזוי איז שוין געגאַנגען כסדר. א קליין בענדעלע, א שטריקעלע, א נאָזטיכעלע, א פּיצל ברויט, א גראָשן, א ליאַלקע, א שטיקל בלייפעדער, א פען, א צייטונג, א ביכל — אלץ איז נעלם געוואָרן, און מען האָט נישט געקאָנט טרעפן דעם שולדיקן.

די לערערינס האָבן אָפּגעהאַלטן עטלעכע באַראַטונגען, מען האָט צונויפגערופן די קינדער און געהאַלטן פאַר זיי קלוגע, פּעדאַגאָגישע רעדעס, דער אינטערנאַט איז א היים פאַר אלע קינדער, וואָס האָבן נישט קיין אייגן הויז, קיין עלטערן, מען טאָר נישט צונעמען קיין זאַכן, ווייל דאָס איז האָד גענומען ביי דער אייגענער משפּחה, ביי זיך אליין...

אָבער עס איז געווען אין קול ואין עונה... דאָס פאַרפאַלן ווערן פון די זאַכן האָט אזוי לאַנג געדויערט, ביז וואַנען מען איז דערגאַנגען, ווער עס טוט עס. מער נישט, ביי דער האַנט האָט מען אים קיינמאָל נישט געפּאַקט.

מען האָט איינמאָל, ווען עס איז פאַרפאַלן געוואָרן עפּעס, דערזען, אז בראָנער איז נישטאָ אין צימער. דאָס האָט געוועקט א חשד ביי דער לערערין חנהקע, און זי איז באַלד געלאָפן אים אויפזוכן. ביי קיין אופן האָט זי אים אָבער נישט געקאָנט געפינען, כאָטש זי האָט געזוכט אריבער א שעה צייט.

שפּעטער, דערזען אים אומדערוואַרט שטיין נישט ווייט פון זיך און קוקן אויף די איבעריקע קינדער ביים שפּילן זיך, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, אָנגענומען אים ביי דער האַנט, אַוועקגעפירט צו זיך אין צימער און פאַרפירט מיט אים א שמועס:

— זאָג מיר, וראָנגע, פאַרוואָס האָסטו צוגענומען דאָס טיכעלע? מעג מען אזוי טאָן?...

ער האָט זיך אויף דער פראַגע בכלל נישט געוואונדערט, בלויז די גלאַנציקע, שוואַרצע אייגעלעך זיינע האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף דער לערערינס בלייך פּנים, און ער האָט אָן שום מורא געענטפערט:

— ווער האָט דען גענומען דאָס טיכעלע? איך האָב עס נישט גערירט!...

די לערערין האָט אים געקוקט גלייך אין די אייגלעך אריין, געוואָלט אים דורכנעמען מיט איר שאַרפן פּעדאַגאָגישן דערציער-בליק, אָבער בראָנער האָט אויסגעהאַלטן איר שפּיזלען און געשוויגן...

— הער, וורא̈גע, איך ווייס, אז נא̈ר דו הא̈סט עס צוגענומען. איך וועל דיך נישט באַשטראָפן. איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן. מען וועט דיך נישט שלאָגן. פאַרקערט, אפשר וועל איך דיר נאָך צוגעבן עטלעכע זאכן פון מיין שטוב... זאָג מיר, וורא̈גע, האָב קיין מורא נישט, נאָכוואָס נעמסטו די אלע זאכן, פאר וועמען?...

דעמאָלט, ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן, אַז זי וועט אים נאָך צוגעבן אייגענע זאכן, האָט זי באַמערקט אַ פייערדיקן בלישטש אין זיינע אייגעלעך, אָבער דער־נאָך איז דאָס פייערל אין זיין בליק קאַלט געוואָרן, זיין פּנים איז ווילד געוואָרן, פינצטער און אויסגעצויגן, ווי ביי אַ קראָ, און דער קאָפּ האָט מיט אַ שאָקל אַרויסגעוואָרפן אַ קאַלט וואָרט פון מויל:

— ניין! — און ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן...

מען האָט שוין איצט בולט געזען, אַז נאָר איין בראָנער נעמט צו אַלץ, וואָס ווערט דאָ כלומרשט פאַרלוירן. נאָר די דערציערין איז ווייטער געבליבן הילפלאָז. ווען שטראָף איז קיין רייד נישט געווען. וואָלט זי עס אפילו געוואָלט, וואָלט זי אים אויך שטראָפן אָדער שלאָגן נישט געקאָנט. און נישט נאָר דאָס — אפילו אַ שלעכט וואָרט, אַ בייזן פאַרוואָרף אָדער מוסר האָט זי אים שוין נישט גע־קאָנט זאָגן.

אין זיין פּנים איז געלעגן אַזויפיל מרה־שחורה, אַזאַ אומעט, אַזאַ טיפער צער, אַ ווייטיק, וואָס האָט זיין גאַנץ גוף אויפגעציטערט, אַז קיין טראָפּן לעבן איז אין אים נישט געווען צו געפונען.

נישט ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער, נישט ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע שפּיצערייען און נישט ער האָט צומאָל געהערט די רייד פון דער דער־ציערין, בשעת זי האָט מיט די קינדער עפּעס געלערנט.

בלויז די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט זייער נישטערן און זוכן אין אַלע זייטן, דאָס פּנימל האָט זיך פינצטער אויסגעצויגן, ער האָט געדרייט דאָס קעפּל אומעטום, און דאָס גופל האָט געצאַפּלט מיט אַן אינערלעכן פיבער. ער האָט נאָר געשנאַפּט און געזוכט זיין רויב, ווי אַ קראָ...

חנוקע, די לערערין פון זיין גרופּע, האָט אים צו רו געלאָזט. זי האָט יערעס מאָל אָנגעהויבן פונהאָסניי מיט אים אַריינצואַרבעטן, אָבער תמיד איז זי אַוועק פון אים מיט אַ שווער געמיט און אַן אומעטיקע צוליב איר נישט דערגרייכטע באַמיאונגען.

איינמאָל אָבער, נאָך אַ לענגערער צייט אַריינאַרבעטן אין אים, ווען עס איז גראָד פאַרפאַלן געוואָרן אַ זאַק פון דער פאַרוואַלטערינס שטוב אַרויס, און יענע האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז איצט וועט זי שוין מער נישט שווייגן און וועט דעם בראָנער אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס, איז די לערערין חנוקע אַרויסגעלאָפן מיט

אַ ווילדן אימפּעט און אויפן וועג נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך פון אויפרעגונג.

זי האָט וואָרענע לאַנג געזוכט, און ווען זי האָט אים שוין דערזען, איז ער זיך געשטאַנען, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַ רואיקער, ווי נאָר ער אײנער וואָלט דאָ געווען דער אומשולדיקער, און געניישטערט מיט די גלאַנציקע אייגלעך אויף אַלע זייטן.

— וואָרענע! קום נאָר אַהער!...

איר קול האָט געקלונגען אַנדעריש, ווי תמיד, אפשר ווייכער, אָבער געוויס איז אין אים געווען אַ פעסטער מעטאַלענער קלאַנג:

— הער אויס, וואָרענע! גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן. קום מיט מיר אויף אַ שפּאַציר, איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן! קום!

— אויף די שטיגן, אין גאָרטן, ביים ארומשפּאצירן האָט זי ווייטער גערעדט:

— עס איז געשען אַ זאַך, וואָס וועט פאַר אייניקע פון די קינדער דאָ ברענגען אן אומגליק. ביי דער פּראָוואַלטערין איז פאַרפאַלן געוואָרן א זאָק, און זי וויל צוליב דעם אַרויסוואַרפן עמעצן, איינעם פון די קינדער, אין דרויסן, אויף דער גאַס אַרויס!

— דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס באַדייט? דאָס קינד וועט בלייבן אָן אַ היים, אָן אַ שטוב?...

מיט אַ מינוט פריער איז בראָנער געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס די לערערין רעדט דאָ צו אים. אָבער ווי נאָר זי האָט אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער, האָט אַ שווידער אַרומגעכאַפּט זיין קערפּערל. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען צו דער ערד און אַרויסגעשעפּ-טשעט שטיל, קוים צו דערהערן:

— אָן אַ שטוב!...

און די לערערין האָט ווידער אָנגעהויבן ווירקן אויף אים מיט איר אַלטע טאָג-טעגלעכע רייד:

— זאָג מיר, ווו דו טוסט אַהין די פאַרלוירענע זאַכן! אפשר וועל איך דיר נאָך צוגעבן עפּעס, אפשר וועל איך דיר עפּעס קויפן אַזוינס, וואָס דאָ איז עס נישטאָ פאַראַן, זאָג מיר, ווו טוסטו אַהין דיינע זאַכן?

— מעגסט מיר גלייבן, איך וועל דאָך קיינעם נישט דערציילן, קיינעם נישט, איך וועל דיר גאָרנישט טאָן, און איך וועל דיר גאָרנישט צונעמען, אַפילו איך זאָל עס זייער דאַרפן! קאָנסט עס מיר נישט זאָגן, וואָרענע?...

פון זינט זיין גוף האָט אַזאַ צאַפּל געטאָן און ער האָט אַזוי איבערגענומען אַ שעפּטשע געטאָן: „אָן אַ שטוב“ — האָט בראָנער פון איר זיינע שוואַרצע אויגן מער נישט אַראָפּגעלאָזט, ווי געוואָלט אַראָפּלייענען פון איר פּנים, צי זאָגט זי אמת, צי קאָן מען איר געטרויען?...

ווייזט אויס, אַז עפּעס האָט ער פֿון איר פּנים טאַקע אַראָפּגעלייענט, ווייל מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ בליץ געגעבן צו איר פּנים מיט זיינע אייגלעך און געגאַנגען שוין פֿאָרויס, עטלעכע שריט פֿאַר איר, ווי ער וואָלט בדיעה געהאַט זי ערגעץ אַוועקצופֿירן...

ער האָט זי טאַקע ערגעץ אַוועקגעפֿירט.

אויף דער וועראַנדע פֿון זייער הויז, נישט ווייט פֿון גאָרטן, איז געשטאַנען אַ קליינע הילצערנע באַנק פֿאַר די קלענסטע קינדערלעך פֿון אינטערנאַט. די באַנק איז געווען זייער אַ ברייטע און אַזאַ נידעריקע, אַז גאָר אַ הונט אָדער אַ קאַץ וואָלט געקאָנט אונטער איר אַרונטערקריכן.

דאָ אַהער האָט בראָנער זי געפֿירט. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף איר און באַלד זיך אויסגעצויגן אויפֿן בייכל, נאָך מער אויסגעפּלאַטשיקט זיין האַר גופֿל און זיך אַריינגעשטופּט וויט אַרונטער דער באַנק, מען האָט שוין קוים זיינע פֿיסלעך אַרויסגעזען.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, איז ער אַפּערגעקראָכן פֿון דאָרט און געצויגן מיט זיך אַ זייער פֿלאַך און לענגלעך קעסטעלע.

זיי האָבן זיך אַ לענגערע ווײַלע שטום אָנגעקוקט, ביז וואַנען די לערערין האָט שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס? — זי האָט אויפֿגעמאַכט דאָס מויל און אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויע איבערראַשטע אויגן.

זיין קול איז איצט צו קיין מענטשלעכן נישט ענלעך געווען. דאָס איז געווען עפּעס אַ קלאַנג, אַ וואָרטשענדיקער, ווי ביי אַ הונט, אַ קאַץ, אָדער עפּעס אַן אומ־באַקאַנט באַשעפֿעניש.

— דאָס איז אַ שטוב! מיין שטוב! איך בוי מיר אַ היים!...

די לערערין איז געשטאַנען שטיל, אָן אַ וואָרט. די אויגן זענען געהאָנגען אַראָפּ, אויף דעם קעסטל, אַזוי ווי פֿאַרשעמטע. זי האָט זיי פֿון דעם נישט גע־קאָנט אָפּרייסן. זי האָט אָבער צומאָל נישט געזען די פֿאַרשידענע שמאַטקעלעך, ביינער, ברעקלעך ברויט, שטיקלעך פּאַפּיר, בלייפֿעדערס — אָט דאָס אַלץ, וואָס איז אין פֿאַרלויף פֿון וואָכן פֿאַרבאַלן געוואָרן פֿון די צימערן אַרויס. זי האָט דאָס גאָרנישט באַמערקט אַפֿילו. זי האָט נאָר דערפֿילט אַ מאָרנע בושה. ס'איז איר געוואָרן א חרפּה פֿאַר דעם דאָרן באַשעפֿעניש, וואָס זעט נישט אויס, ווי קיין מענטשלעכע בריאה, און איז אַזוי אומגליקלעך עלנט, אַז עס דאַרף זיך אַליין בויען אַ היים, אַזוי ווי אַ הונט, ווי אַ קאַץ, אָדער ווי אַ קראָ דאָרט אויף דעם בוים...

זי האָט אים ווייך אַ גלעט געגעבן איבערן קעפּל, אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיינע צעעפֿנטע שוואַרצע אויגן און שטיל אַרויסגעפּליסטערט:

— וורקאָנע, פֿאַרשליס דיין שטוב!...

פון דעמולט אָן איז געוואָרן אַ פרייש גיהנום אין אינטערנאַט. ס'האָבן שוין אָנגעהויבן צו פעלן זאַכן עטלעכע מאָל אין טאָג. אַמערסטן און אַמאָפטסטן האָבן געפעלט זאַכן פון דער לערערין חנהקעס שטוב אַרויס...

האָט זי געקויפט אַ זעמעלע, אַ שטיקל וווּרשט, קעז אָדער אַ ברעקל פוטער פאַר איר דריי־יעריק קינד, האָט עס באַלד בראָנער דערשנאַפט מיט זיין חוש־הריח פון אַ הונט, און גלייך איז אַ העלפט דערפון פון איר שטוב אַרויס נעלם געוואָרן.

זי האָט געמענט די טיר פון איר צימער פאַרשליסן, דאָס פעקל עסן פאַר־שטעקן, באַהאַלטן אין די ווייטסטע ווינקלען, אָדער גאָר הויך אויף דער שאַנק אַרויפלייגן — פאַר בראָנערן איז קיין באַהעלטעניש נישט געווען. אומעטום האָט ער זיינס אויסגעפונען, דורך אַלע לעכער זיך געקאָנט אַריינקריגן און אַלץ אַרויס־באַקומען.

איינמאָל איז ביי דער לערערין חנהקע דאָס קינד קראַנק געוואָרן. דער דאָק־טער האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס קינד מוז אויסטרינקען עטלעכע פרישע רויע אייער, כדי דאָס העלדזעלע זאָל זיך אויסהיילן. זי האָט אַזוי געטאָן, געקויפט עטלעכע אייער און זיי אַוועקגעלייגט אין שטוב. נאָר ווען זי איז מיט עטלעכע מינוט שפע־טער אַריינגעקומען, איז שוין פון זיי קיין סימן נישט געבליבן...

די דערציערין איז דאָס מאָל זייער אויפגעבראַכט געוואָרן. די לעצטע פאַר גראָשן האָט זי אויסגעגעבן, כדי דאָס קינד צו ראַטעווען, און דאָ אַזאַ אומגליק. וואָלט ער כאָטש גענומען איין איי, צוויי — גיין, די גאַנצע אַכט אייער האָט ער געמוזט צונעמען...

איר אויפרעגונג איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זי האָט זיך נישט גע־קאָנט מער איינהאַלטן, איז ארויסגעלאָפן, אים געפּאַקט אַרומדרייען זיך אין זאַל, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט אַ צעוויינטער שטים:

— וואָגנע, וווּ זענען די אייער? שוין זאָלסטו מיר זאָגן, ווי דו האָסט זיי אַהינגעטאָן! שוין, די מינוט!

— אַז דו ווילסט דיר מאַכן אַ שטיב, מעגסטו. אָבער מיין היים זאָלסטו נישט צעברעכן! הערסט, וואָגנע! שוין זאָלסטו מיר אָפּגעבן די אייער!...

ציי האָבן די לעצטע ווערטער אויף אים אַזוי געווירקט, צי דאָס קול אירס, וואָס האָט אַזוי פייגלעך געציטערט צו אים דאָס ערשטע מאָל מיט אַזאַ בייזן טאָן — נאָר בראָנער האָט אַ צעמאָך געגעבן זיינע דארע הענטלעך, ווי אַ קראָ אירע שוואַרצע פליגלען:

— איך האָב עס נישט גענומען, איך ווייס גאָרנישט, איך נישט! — און ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום נאָענטסטן אויוון, האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל, אַריינגעקוקט אַהין, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ מיט באַדויערן און גערעדט, ווי צו זיך:

— דאָ איז עס נישטאָ!...

אַזוי איז ער געגאַנגען פון איין באַהעלטעניש צום אַנדערן, ביז ער האָט די אבידה געפּאַקט... דעמולט האָט ער דערלאַנגט די אייער דער לערערין און אַזוי ווי צו זיך גערעדט:

— איך האָב געוווּסט, אַז מען דאַרף זיי זוכן, וועט מען געפינען!...

די לערערין האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט אים צו מאַכן. יעדעס וואָרט צו אים איז געווען אַרויסגעוואָרפן. עס האָט אויף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט. און זי האָט דאָך נישט געקאָנט זען, וואָס אין זיין הערצל טוט זיך און וואָס זיין מוחל קלערט דעמולט, בשעת זי רעדט צו אים.

אויפכניי זענען יעדן טאָג פאַרלוירן געוואָרן פאַרשידענע זאַכן, און ווידער האָט די פּאַרוואַלטערין געזאָגט, אַז זי וועט מוזן בראָנערן באַזייטיקן פון איני־טערנאַט, אַרויסוואַרפן אים אויף דער גאַס. ביזוואַנען דער לערערין חנהקע איז איינגעפאַלן אַ נייע המצאה.

גלייך, ווי עס איז דעם טאָג פאַרלוירן געגאַנגען אַ לעפעלע פון איר שטוב אַרויס, איז זי מיט אַ בלומרשטער העפלעכער מינע צוגעלאָפן צו אים און פריינד־לעך געבעטן:

— וואָנינע, אפשר האָסטו אין שטוב אַ לעפעלע? באָרג עס מיר אויס!...

בראָנער האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, פול מיט פאַרוווּנדערונג, האָט איר גאָרנישט געענטפערט און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געווען צוריק מיט דעם זעלבן לעפעלע פון איר שטוב...

ער האָט עס איר געבאָרגט...

און ווייטער איז עס שוין אַזוי געגאַנגען ווי אַ מזמור. תמיד, ווען עס איז נאָך עפּעס פאַרלוירן געגאַנגען, איז די לערערין חנהקע געלאָפן צו בראָנערן „באָרגן“ ביי אים פון זיין „שטוב“ די פאַרלוירענע זאַך...

לאַנג האָט עס אָבער נישט אָנגעהאַלטן. אַנשטאָט צו זוכן זיין פאַנג פאַר זיין שטוב ביי טאָג און מען זאָל עס אים גלייך צונעמען, פלעגט ער זיך שוין איצט אַרויסגנבענען ביינאַכט פון שלאָף־צימער, פאַרזאָרגן זיך פון פריער מיט צוויי קלאַמקעס פון די טירן, כדי צו זיין זיכער, אַז מען וועט זיי אים נישט פאַר־קלאַפּן נאָך זיין אַרויסגיין, און פלעגט לויפן איבער דער קיך און אַלע אַנדערע שטובן זוכן זיינע זאַכן פאַר דער שטוב...

אַ סך מאָל האָט זיך די לערערין חנהקע אויפגעכאַפּט פון שלאָף — עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עמעצער האָט גאָר וואָס געקלאַפּט מיט דער טיר. און באמת איז בראָנער גראָד דאָ געזעסן אויף דער ערד און געגלאַנצט אויף איר מיט זיינע אייגלעך אָן מורא.

אַז אַנדערש מאָל האָט זיך די קעכין אויפֿגעריסן פֿון שלאָף. זי האָט דערהערט עמעצן עפּעס אַראָפּוואַרפֿן פֿון קיך־שענקל. עס איז געוואָרן אַ גערודער איבערן אינטערגאַט, אַ גאַקעט און באַרוועס באַשעפֿעניש איז אַרויסגעלאָפֿן אין גאָרטן אריין. און קיין שום געשריי, קיין שום רוף, האָט נישט געקאָנט העלפֿן דאָס דאָזיקע בריאהלע צוריק אריינצוקריגן פֿון דרויסן.

ווען אַלע זענען שוין געווען אין זייערע צימערן, און די לערערין איז געגאַנגען אַ קוק געבן אין בראָנערס שלאָף־צימער, איז ער שוין געלעגן אין בעט מיט זיינע תמיד אָפֿענע שוואַרצע אויגן.

— וואָס מאַכסטו, וראָנע! עס איז דיר נישט קאַלט?

בראָנער האָט געציטערט פֿון קעלט, אַ שוידער האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע דאַרע גופֿל. אָבער געענטפֿערט האָט ער מיט אַ שטיל קול, מיט אַ וואָרטשען, ווי אַ הונט:

— ניין, עס איז מיר נישט קאַלט!...

אַזוי איז שוין געגאַנגען כסדר. ביי טאָג איז בראָנער געשטאַנען נעבן פֿענצטער, געלעבט האָט לעבן פֿון די קראָען, צוגעקוקט זיך צו זייער פֿליען, צו זייערע נעסטן, און אַליין אפֿשר דערמאָנט געווען אַזאַ קראָ, מיט זיין אויסגעצויגענעם פּנימל, מיט זיינע שוואַרצע אויגן און מיט זיין דאַר גופֿל, וואָס וואָלט לייכט געקאָנט אַרומשוועבן אין דער לופֿט...

בלויז ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפֿן, האָט ער געזוכט זיין פֿאַנג און פֿאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן זיין שטוב...

ווען די פֿאַרוואַלטערין האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און מיט פֿאַרצווייפֿלונג געפֿרעגט די לערערין הנהקע, וואָס זי זאָל טאָן מיט דעם קינד? וואָס פֿאַר אַן עצה האָט זי פֿאַר אים, כדי אים אַראָפּצופֿירן פֿון זיין משונהדיקן וועג? — האָט זיך די לערערין לאַנג פֿאַרטראַכט און שטיל אַרויסגעפּליסטערט מיט איבערגעמונג אין קול:

— שאַף אים איין אַן אמתע שטוב, אפֿשר וועט ער זי זיך דעמאָלט אַליין נישט דאַרפֿן בויען!

דעם 22־טן מאַי 1941.

גירוש פ״ק

שלמהלע פעלטשער — אזוי האָט מען אים גערופן אין שטאָט. ווען מען איז אָבער אמאָל בייז געווען אויף אים און מען האָט זיך געוואָלט קילן האָם האַרץ מיט א שאַרף וואָרט, האָט מען אויף אים, הינטער די אויגן, פאַרשטייט זיך, גע־שריגן: אזא שלמהלע גוי!...

שלמהלע פעלטשער האָט טאַקע אויסגעזען, ווי א גוי. א הויכער אין וווּקס, נישט צו דיק, אזוי, אז מען האָט אים אפילו געקאָנט האַלטן פאַר א האַרן פאַר־שוין, האָט ער זיך שטייף אויסגעצויגן אין דער לענג, אויסגעגלייכט די פלייצעס, ווי א זעלנער, איז תמיד געווען ריין אָפּראַזירט און האָט געטראָגן ציכטיקע מלבו־שים און פיין־געפוצטע שיך.

בלויז זיין פנים האָט דערציילט וועגן זיין אומגעהובלעוועטקייט. ער האָט זיך תמיד געפלייסט צו זיין איידעלער, העפלעכער, ווי ער האָט עס אין דער אמתן געקאָנט זיין.

שלמהלע גוי איז אָבער נישט געווען קיין שלעכטער, ווי מען האָט געקאָנט מיינען לויט זיין אויסזען.

— פאַר זיינעם א גראָשן שטאַרבט מען נישט — האָבן זיינע באַקאַנטע אים געריימט.

זיינע נאָענטע האָבן געוווּסט, אז ער האָט א גוט האַרץ. פאַר א גוטן ברודער האָט ער זיך תמיד געלאָזט קאָסטן א פעטסן גילדן. שלמהלע איז נאָך בעסער געוואָרן, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער חנה.

די שיינע חנה האָט שלמהלע פעלטשער זייער ליב געהאַט. ער האָט זי גע־האַלטן, ווי א מלכה. פייגל־מילך, ווען ער קאָן, וואָלט ער איר געגעבן... יעדן גראָשן, וואָס ער האָט פאַרדינט און פאַראיבעריקט פון די קליינע סומען אויף פאַפּיראָסן, האָט ער איר אריינגעשטופּט אין דער האַנט און אזוי לאַנג אין איר אריינגערעדט, ביז וואַנען זי האָט זיך דערפאַר געקויפט עפּעס א שיינע זאַך צום אָנטאָן, אָדער נאַשוואַרג צום עסן. שפּעטער איז עס אפילו דערגאַנגען צו דעם, אז שלמהלע גוי, דער אמאָליקער שטאַרקער ליבהאָבער פון א גוטן שנאַפּס, האָט אויפגעהערט צו

שיכורן און אויך צו רייכערן... ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט גוט פאַר־דינט, כדי האָס אַלץ צו ברענגען זיין חנהן און זיך קענען פאַר איר באַרימען מיט די „גאָלדענע הענט“, וואָס ער פאַרמאָגט...

אָבער אויך זי האָט אים פונקט אַזוי ליב געהאַט. זייער אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס ער האָט איר געגעבן, האָט זי פאַרנוצט אויף חיונה פאַר זיי מיט זייערע צוויי קינדער. דאָס איבעריקע געלט האָט זי אָפּגעלייגט אויף אַ שוואַרצער שעה.

קיין פּלאַצן האָט ער נישט באַוויזן פאַר איר צו בויען. די צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגל מיט אַ מיידל, האָט ער געלאָזט בילדן, געוואָלט דורכויס מאַכן פון זיי דאָקטוירים, און טאַקע שוין איצט אין זיי אַריינגעלייגט דעם טאַטן מיט דער מאַמען...

אַזוי איז זיי דאָס לעבן איבערגעלאָפן, אין פרייד, אין צופרידנקייט פון אייגענער איבערגעגעבנקייט און ליבע. אַלע באַקאַנטע האָבן זיי מקנא געווען, טאַקע צוליב זייער גליקלעך צוזאַמענלעבן.

אָבער אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען שלמהלע גוי איז שוין געווען אַ ייִד באַזעט פון די זעכציקער — זיינע לאַנגע וואָנציעס זענען שוין גראָ געווען, זיין פאַרהאַרטע הויט פון דעם שטענדיקן ריין האָזירטן פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן — האָט ער זי נאָך פונקט אַזוי האַרציק און פאַרליבט באַהאַנדלט, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק.

חנהלע די שיינע האָט נאָך געהאַט דעם זעלבן געדיכטן קאָפּ האָר, ווי אַמאָל, און כאָטש זיי זענען שוין געווען גראָ, האָט ער זיי נאָך געגלעט מיט דער זעל־בער צאַרטקייט, ווי חתונהווייז.

דער גאַנג אירער איז אפילו געוואָרן אַן איינגעהאַלטענער, און נישט מיט אַזאַ שטאָלץ טראָגט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי אין איר יוגנט, אָבער נאָך היינט קוקט ער איר נאָך מיט זיינע בלישטשענדיקע, האַלבפאַרזשמורעטע אויגן, און שעפּט נחת פון איר נאָך שלאַנקער טאַליע, פון איר הויכער שטאָלצער פיגור.

אַזוי איז זיי פאַרבייגעגאַנגען דאָס צוזאַמענלעבן די גאַנצע צייט אין דעם קליינעם שטעטל ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה, און ביז עס זענען אָנגעקו־מען די צייטן פון המן דעם צווייטן*...

שלמהלע גוי און אויך זיין פרוי האָבן זיך מיט דעם אויסברוך פון דער מלחמה ווייניק איבערגענומען. זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין צייט פאַר פּאָליטיק און די גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן זיך און די קינדער...

נאָר ווען עס זענען אָנגעקומען די צייטן פון המן דעם צווייטן, האָט זיך אַלץ ביי זיי געענדערט.

---

* היטלער — רעד.

המן דעם צווייטנס חילות האָבן קיין ייִדן נישט ליב געהאַט. זענען טאַקע, נאָך איידער זייגע סאָלדאַטן זענען אָנגעקומען, די שענסטע פון די פּני־ייִדן אַנט־לאָפן פון שטאָט, און זיי זענען געווען פון שלמהלעס בעסטע פּאַציענטן. דערנאָך האָבן זיך סתם אָנגעהויבן פאַרשידענע צרות און רדיפות פאַר אחינו בני ישראל. קודם כל דאָס איבערפירן די מערסטע טייל ייִדן אין א „גייער" געגנט, אין א געטאָ, צי גאָר נאָך שפּעטער אין א לאַגער. אויף שלמהלען האָט זיך דער עיקר אָפּגעשלאָגן דאָס איבערטראָגן דעם שפּיטאָל. דערמיט האָט ער מיטאַמאָל פאַר־לוירן זיין גאַנצע פּראַקטיק, און דאָס האָט געהייסן פאַר אים א הונגער־טויט.

שלעכטע צייטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים און זיינע בני־בית. בלויז פון דער טאָכטער האָט ער נחת געהאַט. א פּעיק מיידל, מיט דעם פאָטערס ענערגיע אין בלוט, האָט זי זיך גאָר גיך אויסגעלערנט אקושעריע און באַלד דערנאָך באַקו־מען א פּיינעם פּאָסטן אין א קימפּעטאָרן־אַנשטאַלט, איינעם פון די רייכסטע אין וואַרשע.

איינע פון די איינגעשאַפטן פון פאָטער האָט זי געהאַט: העלפן די נויטבאַדערפטיקע. זי האָט כמעט דאָס גאַנצע פאַרדינסט אָפּגעשיקט די עלטערן אהיים און אליין געלעבט אָפּטמאָל מיט א טרוקן שטיקל ברויט און מיט דעם גליק אין האַרץ, אַז די עלטערן וועלן פאַר איר געלט קאָנען האָבן אפילו אויף א שטיקל פלייש צו קויפן.

אזוי איז געווען די גאַנצע צייט, ביזוואַנען עס איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען המנס חייל האָט גענומען טרייבן די ייִדן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך.

וועגן דעם, אַז פון דעם שטעטל פּ״ק וועט מען אַלע ייִדן אַרויסטרייבן, האָט מען שוין לאַנג געשמועסט. תמיד זענען עס אָבער געווען פּוסטע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך נישט באַשטעטיקט.

אין דעם טאָג זענען די דאָזיקע קלאַנגען געוואָרן שטאַרקער און פעסטער, ווי תמיד. די איצטיקע פּני פון שטאָט האָבן שוין אפילו צונויפגעזאַמלט א האַלבן קילאָגראַם גאָלד, אַריינגעלייגט עס אין א פּאָר נייע שטיוול, וואָס אַן אייגנייער אין קאָמענדאַנטס קאַנצעלאַריע האָט געזאָלט צו אים אָפּטראָגן. שפּעטער, נאָך אין מיטן טאָג, האָט מען זיך געקושט אין די גאַסן, צוליב דער פרישער ידיעה, אַז דער גירוש איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן.

די שמחה איז דאָס מאָל געווען זייער א גרויסע. זענען דאָך די ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך ערשט די טעג אַרויסגעיאָגט געוואָרן אין די ווייטסטע העקן! אָבער נישט געקוקט אויף דער אויסערלעכער פרייד, איז ביי אַלעמען טיף אין האַרצן געווען פאַרבאָרגן אַן אומרואיקייט, א געפיל פון פּחד, וואָס האָט געהייסן נישט גלייבן אין דער ידיעה, וואָס האָט פאַר זיי אַזוי אויפגעשיינט דעם היינטיקן טאָג.

זענען מאַקע ביי אַ סך די צוגעגרייטע פּעקלעך פאַרבליבן נישט אויפגעפּאַקט, עלעהיי, די שעה זאָל נישט קומען, זאָל אַלץ זיין אייפן אָרט און פּאַרטיק אין וועג אַריין...

און די שעה איז געקומען!...

שלמהלע פעלטשער האָט געוווינט אין דעם שפּיטאָל סוף שטאָט, אין אַן אָפּגעלאָזן הייזל, וואָס איז בכלל נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר דעם צוועק. צוויי טעג פאַרן אַריבערטראָגן אַהער דעם שפּיטאָל איז דאָ געווען אַ היים פאַר בעטלער, קאַליקעס, בלינדע, שטומע, לאָמע און פּאַראַליטיקער. זענען געקומען צו פאָרן המן דעם צווייטנס גוואַרדיסטן,* אַלעמען פון דאָרט אַרויסגעצויגן — אפילו די קראַנקע, וואָס האָבן אַליין נישט געקאָנט גיין — אויפגעלאָדן אַלע אויף און אויטאָ, און אָפּגעפאָרן הינטער דער שטאָט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען געהערט אַ געדיכטע שיסעריי. אין אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען די אויטאָס צוריקגעקומען, אָבער שוין ליידיקע. ווו די אַלע אַרויסגעפירטע פּאַראַליטיקער און בעטלער זענען נקבר געוואָרן, איז קיינער נישט דערגאַנגען...

זייער שווער איז אָנגעקומען שלמהלען, מיט דער הילף פון דעם איינציקן דאָקטאָר אין שטאָט, איינצוריכטן דעם שפּיטאָל. די בעטן זענען געווען אָן מאַטראַצן, און דעריבער צו האַרטע געלעגערט פאַר קראַנקע. אַלע מעדיצינישע איינריכטונגען: דעם רענטגען, דעם מיקראָסקאָפּ און כמעט אַלע מכשירים האָבן די באַבילאָנער** נישט געלאָזט די ייִדן מיטנעמען אין נייעם שפּיטאָל אַריין.

איז מאַקע געווען שווער צו שטעלן אַ דיאַגנאָז, אַ רענטגענישע דורכלויכטונג און אַ כעמיש-באַקטעריאָלאָגישן אַנאַליז צו מאַכן. מען איז אָבער ווי עס איז דורכגעקומען, ווייל — עס איז דען געווען אַ ברירה?...

שלמהלע פעלטשער מיט זיין פרוי, די שיינע חנה, האָבן אויך געליטן. זיי האָבן דערהאַלטן צוויי מאָל אין חודש, יעדן ערשטן און יעדן פופצנטן, געלט פון זייער טאָכטער. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס געלט וואָלט זיי שטאַרק צונוצגעקומען, האָבן זיי דערפון נישט געוואָלט נהנה זיין, און כמעט פאַר דעם גאַנצן געלט איינגעקויפט פוטער, פלייש און נאָך אַזעלכע שפּייז-פּראָדוקטן, וואָס מען האָט געקאָנט לייכט אַריבערשמוגלען צו דער טאָכטער דורך אַ „געלעגנהייט“...

עס האָט נישט געהאָלפן דער טאָכטערס כסדרדיקע שרייבן, אַז מען זאָל איר קיין פּעקלעך נישט שיקן, ווייל האָט זי דען געקאָנט פועלן ביים טאַטן, ער זאָל זי נישט ליב האָבן?...

---

* עס-עס-לײַט — רעד.

** די היטלעריסטן — רעד.

און אזוי איז געפלאָסן דאָס לעבן אין כסדרדיקער אומרואיקייט, אין טאָג־טעגלעכע גזירות, רדיפות און פורעניות פאַר אלע יידן און פאַר שלמהלע פעל־טשערס שפּיטאָל בתוכם, ביזוואַנען עס איז אָנגעקומען דער טאָג פונעם גירוש.

דער דאָזיקער פעברואַר־טאָג איז געווען נישט אַהער און נישט אַהין; נישט עס איז געווען ווינטער, נישט הארבסט און אוודאי נישט פרילינג. א האלבע שעה האָט געשיט א לייכטער שניי, מיט א פּוסטן מינוט שפּעטער האָט די זון זיך דורכ־געשטופּט דורך דעם שניי־וואָלקן, אָבער אָנשטאָט צו געבן דער וועלט א ביסל ליכטיקייט, האָט זי גאָר געהאָלפן דעם שניי פאַרוואַנדלען זיך אין א קאַלטן רעגן.

די מענטשן האָבן דערפון געליטן. דער רעגן האָט געשמיסן מיט כעס אין פנים אריין און מיט אן אומבארחמנותדיקע רציחה איינגעזאַפּט זיך אין דער הויט מיט זיין אייז־פאַרפרוירענעם וואַסער, כדי פון דעם מענטשן די גאַנצע וואַרעמקייט ארויסצוזויגן.

עס איז געווען א טאָג, ווען דער בייזער גאָט אין זיינע געהילפן, פון הימל און ערד, האָבן נקמה גענומען אין דעם לייכט־גלויביקן מענטש און מיט שווערע ליידן אים געוואָלט לייטערן פאַר זיינע נישט באַגאַנגענע זינד.

שלמהלע גוי האָט נישט געקאָנט אנטשלאָפן ווערן. יעדע רגע האָט ער זיך איבערגעוועקט, אויפגעמאַכט די אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צוגעהערט זיך צו דער נאַכט־שטילקייט.

ערגעץ, אין א ווינקל פון צימער, האָט א נאַכט־פליגעלע געזשומעט א טרויעריק לידעלע און אזוי ארום איינגעוויגט זיין פּיצעלע קינד צום שלאָפן. דער רעגן אין דרויסן האָט געיאָמערט ביז קעלט און געקלאַפּט מיט צאָרן און געבעט אין די שויבן, אז מענטשן זאָלן זיין אויף דער וואַך, ווייל דער שטורעם טראָגט זיך אָן...

דער ווינט אין דרויסן האָט זיך צוגעכאַפּט צו א דורכגעפרוירענעם טרוקענעם בוים, געשלעפּט אים, געוואָרפן מיט אלע זיינע צווייגן אויף אלע זייטן און דורכויס געוואָלט אים מיטן וואָרצל אויסרייסן...

א לייכטער שוידער איז דורכגעלאָפן שלמהלעס פעלטשער דורכן האַרץ. ער האָט אַ צאַפּל געגעבן ווי פון קעלט — ער האָט דערהערט פונדערווייטנס א געשריי פון אַ קראַנקן.

אָן א וואָרט, מיט פאַרזיכטיקע באַוועגונגען, כדי זיין חנהן און דעם זון נישט אויפוועקן, האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן, ארויפגעוואָרפן אפילו זיין ווינטערדיקן פאַלטן אויפן פוטערנעם פעלץ — אזוי דורכגענומען מיט שוידער האָט אים דער פראָסט, וואָס איז איצט נישט פון דרויסן געקומען און נישט פון דער וואַרעמער שטוב, נאָר פון אינעווייניק, פון זיין אייגן צאַפּלדיקן לייב ארויס...

דאָס געשריי פון קראַנקן האָט זיך איינגעשטילט, נאָך איידער שלמהלע גוי האָט באַוויזן צוצוגיין צו אים. אָבער צוריק זיך לייגן האָט ער שוין נישט געקאָנט. ס'האָט אים כסדר געזשומעט אין מוח דאָס טרויעריקע זשומעריי פון דעם נאַכט־

פליגעלע, דאָס פליוסקען פון רעגן אין שויב, און דאָס וואָיען פון ווילדן ווינט, וואָס האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט...

מיטאמאָל, שוין א שטיק נאָך האלבער נאכט — שלמהלע פעלטשער האָט שוין באוויזן איינצוהרימלען אויף דער שטול מיט די עלנבויגנס אָנגעשפארט אויפן טיש — האָט זיך דערהערט אזא קלאפּ אין דעם הילצערנעם טירל פון שפּיטאָל־פּארקאן, אז אלע אין שטוב, אפילו די קראנקע, האָבן זיך האסטיק אויפגעוועקט.

און איידער שלמהלע פעלטשער האָט באוויזן זיך אויפצוהייבן פון דער שטול, אויפצוועקן זיינע פארשטייגערטע פיס, וואָס זענען דערווייל אויף אן אמת איינגעשלאָפן, און איידער ער האָט דעם אָטעם געקאָנט כאפּן נאָך דעם פּלוצעמדיקן העקסענשוס, וואָס האָט אים ארומגעכאפּט ביים עפענען די טיר פון שטוב — איז שוין דאָס טירל פון שפּיטאָל־פּארקאן געווען אויפגעבראָכן, און זעלנערישע שווערע טריט האָבן זיך דייטלעך געלאָזט הערן...

און א מאָרנע זאך. קיינער האָט נישט ארויסגעוויזן קיין שרעק. דער פּחד איז געווען פארבאָרגן אין זיי אינעווייניק, טיף אין די גופים פארשטעקט. און כאָטש שלמה, זיין ווייב און דער אכציגיעריקער אבראמעק האָבן געפילט, אז דאָס, אויף וואָס זיי האָבן זיך געריכט, הייבט זיך איצט אָן, האָט קיינער נישט געציטערט מיט קיין אבר און אָפן נישט אַנטפּלעקט זיין מורא, וואָס איז, ווי א קאַלטער פראָסט, געווען באגראָבן אין זיין צאַפּלענדיקן הארץ...

אריבער דרייסיק גווארדייסטן, צוזאמען מיט אָפיצערן, זענען אריין אין דעם ערשטן צימער. הויכע, שטאָלצע יונגען, און אייזן־שטאַרק געבויט. די פנימער ביי אַלע גלאט אויסגעראזירט... אָנגעטאָן זענען זיי געווען גאלא, אזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אויף א באל... די מונדירן שיין אויסגעפּרעסט, גלייך, ווי א ברעטל, די נעט פון די הויזן, גלאנציקע, ווי א שפּיגל די שיך.

חנה האָט זיך ארויסגערוקט פאָרויס און זיך באמיט צו זיין אין פראָנט, פאר שלמהן, כדי אים צו קאָנען שיצן פאר געפאר. אָבער נישט נאָר אים, דעם מאַן, האָט זי איצט געהאט צו היטן. דאָס שלאַנקע ייִנגל זייערס, וואָס איז צו זיינע אכצן יאָר ארויסגעוואקסן, ווי א נאָכנישט רייף ביימעלע, און אויסגעשטעלט געווען אויף אַלערליי געפארן מצד דעם בייזן ווינט, וואָס האָט אים געוואָלט ארויסרייסן פון דער ערד; אָט דער בחור, וואָס איז איר אזוי עקשנותדיק נאָכגעגאנגען, ווי ער וואָלט נאָר זי געוואָלט פארהיטן פון א קלאַפּ, און זיך בשום אופן נישט געלאָזט צוריקטרייבן אין א זייט, — ער איז געווען איר אַפּל פון אויג, וואָס האָט זי געמאכט שטאַרק און געצוואונגען נישט שוואך צו ווערן אויף קיין איין מינוט, כדי זי זאָל אים קאָנען אָפּהיטן פון אן אומגליק...

איינער פון די אָפיצערן האָט עפּעס אן אומפארשטענדלעכן געשריי געגעבן, ארויסגעצויגן פון דער שייד זיין שווערד, ראַפּטעם און בליצשנעל א פאָכע געגעבן מיט איר אין דער לופט, פאר שלמהס אויגן, און איבערגעהאקט אויף דער העלפט,

פאַר זיין קאָפּ ממש, אַ נאַסן האַנטעך, וואָס איז דאָרט געהאָנגען אויף אַ שטריקל...

שלמה פעלטשער האָט נאָך באַוויזן אַ שלונג צו געבן אַ שטיק שפּייעכץ אין האַלדז אַריין, אויף אַ ווײַלע אַ פאַרמאַך צו געבן די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אויספּרוּוון, צי ער האָט נאָך דעם קאָפּ אויף זיך...

אין דער זעלבער רגע, ווען די שוועהר האָט אַ פּאָכע געגעבן אין דער לופט, האָט זיך פון חנהס מויל אַרויסגעריסן אַ קוויטש.

דאָס געלעכטער פון די איבעריקע אָפיציערן, וואָס האָבן אויף זייער אופן פאַרשטאַנען דעם „וויץ" פון זייער קאַמעראַד, דעם עלטסטן — דאָס דאָזיקע הויכע און פרייליכע געלעכטער האָט נישט געהאָלפן, אַז דאָס טרייסלעניש ביי די פאַרצאַפּלטע ייִדישע הערצער זאָל באַלד אויפהערן.

ווען ס'איז געקומען דער געשריי: „אָנטאָן זיך, זיין גרייט און אין פינף מינוט אַרום אַרויסמאַרשירן!" — איז שלמהלע פעלטשער געבליבן שטיין אויפן אָרט, נישט אַ ריר זיך צו געבן. ער האָט געבליקט אויף אַלעמען, אָן שום געדאַנקען... חנה די שיינע האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַלטן. אין אַ ווינקל איז געלעגן פון פריער אַ פאַרפּאַקטער רוק־זאַק מיט צוגעגרייטע וועש און מלבושים מיטצונעמען. האָט זי דאָס אַ כאַפּ געגעבן, אַרויפגעוואָרפן שלמהן אויפן אַקסל; און ער האָט, ווי אַ תם, פאַרקנעפּלט די רימענס פון דעם רוק־זאַק...

גיך און געשווינד האָט זי דערלאַנגט דעם זון זיינע קליידער, געשטופּט אים אין די הענט, אין די קעשענעס און אַלערליי פאַרשיידענע קלייניקייטן: אַ ראָנדעל, אַן אַלטן בעכער צו בלאָזן אויפן פּנים בשעת אַ היץ, אַ פּאָר שטעק־שיך און אַ הענטל פוז אַ שטעקן — כדי אין אַ רגע אַרום דאָס אַלץ אַרויסצודרייען אים פון דער האַנט און אַריינצושטעקן אין איר אַ בייטל מיט ציבעלעס און קאַרטאָפל...

פּלוצעם, עס זענען נאָך מסתמא נישט דורכגעלאָפן די פּאָר צוגעזאָגטע פינף מינוט, האָט איינער פון די אָפיציערן אויסגעשאָסן. דער דונער איז געווען סתם אַזוי אין פּוסטן אַרום, נישט געצילט אין קיינעם, אָבער אָנגענומען האָט עס עפּעס אַזויגס, וואָס קיינער האָט זיך אויף דעם נישט גערעכנט.

די קראַנקע, אַפילו די שווער־ליידנדיקע, וואָס האָבן זיך כמעט רירן נישט געקאָנט, האָבן זיך גענומען וואַרפן און שפּרינגען פון די בעטן. עס איז געוואָרן אַ געפּילדער, אַ ווילד געשריי, אַ געיאָמער, אַ געוויינערײַ און אַ געלויף, ווי אין אַ משוגעים־הויז.

דריי קראַנקע זענען צוגעפאַלן צו דער שוועל פון דער טיר, זיך דאָרט אָנגעקלאַמערט און גענומען שרייען, אַז זיי וועלן שלמהן נישט אַרויסלאָזן, ביזוואַנען מען וועט אויך זיי מיטנעמען. עטלעכע זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער זייערע בעטן, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געווען זייער איינציק און בעסט באַהעלטעניש...

די רעשט זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. עטלעכע זענען אַריין אין די אָפענע מלבושים־שענק, אַ טייל האָבן זיך פאַררוקט הינטער דעם גרויסן וועש־

קאסטן, און אלע אָן אונטערשייד האָבן געוואלדעוועט פון זייערע ערטער אפער, מסתמא מיט דעם מיין, אז עמעצער וועט קומען, זיך אויף זיי מרחם זיין און ארויסראטעווען פון אומגליק...

„עמעצער" איז טאקע געקומען און זיי „ארויסגעראטעוועט"...

די אָפיצערן, וואָס זענען עטלעכע רגעס געשטאַנען און מיט פרייליכע שמייכלען געקוקט אויף די „ווילדע ברואים", האָבן זיך איצט גענומען צו דער ארבעט.

עס איז געוואָרן א ווילד געיעג איבערן שפיטאָל־זאַל. האָט איין אָפיצער געשלעפט א קראַנקן ביי א פוס פון אונטער א בעט אפער, האָט א צווייטער געצויגן אן אנדערן ביי אן אויער און סוף כל סוף אויסגעריסן א שטיק... הענט, פיס, אויערן און קעפ זענען פארבלוטיקט געוואָרן. מענטשן זענען געשלייידערט געוואָרן דורכן פענצטער, צי סתם אויף דער ערד דורך דער מתנה לוסטיקע אָפיצערן, וואָס האָבן אויף קיין איין מינוט נישט פארלוירן זייערע פריידיקע און געזונטע שמייכלען פון די צופרידענע פנימער. אלץ איז געגאנגען דאָ מיט טעמפ, גיך, האסטיק, און מיט א סדר, אייגנס נאָכן אנדערן, ביזוואנען מען האָט די צעשראָקענע שטיל געמאכט אינגאנצן...

שלמה פעלטשער האָט מיטאַמאָל געקראָגן א פעסטן שטויס אין דער פלייצע, אָבער נישט פון די אָפיצערן, נאָר פון זיין אייגן ווייב, און איז איר נאָכגעלאָפן אין דרויסן ארויס...

אין מיטן וועג, אין דער געדיכטער בלאָטע, ביים זייט פון פארקאַן, זענען געשטאַנען עטלעכע אָפיצערן און מיט זייערע נאכט־לעמפלעך בליגד געמאכט די אויגן פון די געטריבענע.

— יודע פארעקע! — האָט א לוסטיק געשריי א צעשנייד געטאָן די לופט, א שווערד האָט א סווישטשע געטאָן מיט א פעסטן קלאפ, און דער רוק־זאק איז פון שלמהס פלייצעס אראָפגעהאקט געוואָרן אין דער בלאָטיקער קאלוזשע אריין.

א געזונטער פאטש האָט אפגעהילכט אין ארום, און שלמה האָט באלד צוויי ציינער מיט א שטיק בלוט אויסגעשפיגן אויף דער ערד. א צווייטער פאטש, וואָס האָט אים האָס היטל ארונטערגעריסן און אים צו דער ערד געוואָרפן, האָט אים גלייכצייטיק דעם אויער געעפנט מיט א רציחהדיקן געוואלד פון א פיסק ארויס:

— די מיצע הערונטער! פארדאמט נאָך איין מאהל!...

ביידע, חנה און איר זון אבראמטשיק, האָבן לאנג געוועקט דעם טאטן פון דער בלאָטיקער קאלוזשע ארויס, ביזוואנען ער האָט זיך אויפגעוואכט און זיך געלאָזן שלעפן פון זיי.

דאָס בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיטן וואסערדיקן שניי און געטריפט איבער דעם פאלטן, און איבער דעם גאנצן בלאָטיקן פליוסקענדיקן וועג. א סך שטערנישן האָבן זיי איצט געהאט איבער די גאסן.

טונקל און האלב־אויסגעלאָשן איז געווען די שטאָט. שלעפעריש זענען גע־

שטאַנען די הײַזער און, װי שאָטנס, זיך געטוליעט צו זיך. דער װינט האָט געשמיסן די װאַסערדיקע טראָפּנס איבער די מענטשלעכע פּנימער און די שאָטנס פֿון די הײַזער.

דאָ און דאָרט זענען געלעגן מענטשלעכע גופֿים, געקנײלט זיך אין די בלאָטעס אַרײַן אָדער זיך געדרענגט, אַהאָפּ און אַרויף, אַהין און אַהער, אַזױ װי זײ װאָלטן זיך געיִשובֿט מיט זיך אַלײן און געפֿילט זיך אױפֿצוהײבן פֿון דער װײכער ערד...

די מענטשן, װאָס זענען געשמיסן, געפּאַטשט, געשלאָגן און געקלאַפּט געװאָרן דורך אַנדערע געזונטע ברואים, האָבן געלאָזט דעם רעגן, ער זאָל זײ שװײַדן דאָס פּנים מיט פּראָטיקע טראָפּנס. פּונקט װי זײ האָבן זיך געשט אױסגעקװענשטעלט די קלעפּ פֿון די מענטשלעכע מחבלים...

פֿון אַלע זײַטן גאַסן, פֿון אַלע עקן, האָבן געקלאַפּט טריט איבער די טראָטואַרן. די טריט האָבן געפּלײַצט און געשטראָמט האַסטיק, װי דער איצטיקער רעגן...

שװאַרצע שאָטנס זענען אַרױסגעקראָכן פֿון די װאָלקנס אַרױס, האָבן זיך צעלײגט איבער די מױערן און זענען זיך צעשװומען איבער דער שטאָט...

דאָרט און דאָ האָבן נאַכט־לעמפּלעך אױפֿגעבליצט אין דער געריכטער פֿינצטערניש, און װילדע קולות האָבן געררופֿן, געצױגן צו זיך.

װאָס אַמאָל בײזער, האַרטער און ענגער האָבן די קולות גערופֿן צו זיך און, װי מיט שטריק, געשלעפּט די פֿיס פֿון די געפּלאָגטע מענטשן אין זײער ריכטונג.

צװײ לאַנגע שורות שײנע גװאַרדיסטישע מונדירן האָבן זיך אױסגעשטעלט אױף אַ טראָטואַר. באַגענט צו זיך זענען געשטאַנען די האָזיקע צװײ שפּאַלערן, מיט בלאַנקע שװערדן אָדער דיקע בײַטשלעך אין די הענט, אָדער מיט רימענס פֿאַרשטעקט אין די גאַרטלען.

אַ געריכטע נעץ פֿון פּשוטע סאָלדאַטן האָט געשמיסן גיכער צו מאַכן די טריט פֿון די געיאָגטע באַשעפֿעניש.

אײן שפּאַלער האָט געקלאַפּט איבער די אַקסלען און װו זײ האָבן נאָר אָנגעטראָפֿן, און דער צװײטער האָט געטאָן אַן אַנדערע אַרבעט. װער עס האָט געטראָגן אַ גוטע פּאָר שיך, אַ בעסערן מאַנטל, אַן אַנצוג, צי אַפֿילו אַ נײַ העמד, אָדער האָט נאָך געהאַלטן אַ פּעקל מלבושים אין דער האַנט — איז אַװעקגעשלעפּט געװאָרן אין אַ זײַט, און איז, אײדער מען האָט דאָס פֿון אים אַראָפּגעצױגן, געקלאַפּט געװאָרן מיט שװערדן און בײַטשן...

שלמה פֿעלטשער האָט װילד אַ שפּרונג אָפּגעגעבן אין אַ זײַט, אָבער אײדער ער האָט באַװיזן געװאָר צו װערן, װעגן װאָס עס גײט, האָט מען אים אַראָפּגעריסן דעם װינטערדיקן פּוטער פֿון די אַקסלען. ער האָט נאָך געקריגן עטלעכע שמיץ איבערן פּנים, אַ פֿעסטן קלאַפּ, װאָס האָט אים פֿאַרשװאַרט געמאַכט אױפֿן אָרט, און איז לײַכט אָפּגעשטופּט געװאָרן דורך עמעצן פֿאָרױס.

חנה די שײנע האָט אַרײַנגעטוליעט אין זיך איר אַבראַמעקן, און אַזױ אַרום

אַליין אַרײַנגעכאַפּט די קלעפּ. און גראָד דעמאָלט, ווען איר איז געלונגען דורכצופירן דעם זון דורך דער בראַנד, און ער האָט פון די מחבלים קיין איין קלאַפּ נישט געקריגן, האָט זי אויף אַ רגע אַ קוק געגעבן הינטער זיך, כדי צו זען, ווו שלמה איז אַהינגעקומען. זי איז פאַרציטערט געוואָרן פון דעם, וואָס זי האָט דערזען.

דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען מען האָט ביי שלמהן דעם מאַנטל אַראָפּגעצויגן. דעם אָפיציערס קלאַפּ איבערן קאַרק האָט שלמהן אינגאַנצן אויפגעוועקט פון זיין פאַרשטאַרטקייט. חנה איז עטלעכע מינוט געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע אויף איין אָרט, ביז זי איז געקומען צו זיך און איז צוגעלאָפן צום מאַן.

ווען שלמה האָט געקראָגן דעם קלאַפּ מיט דעם גומענעם שטעקן איבערן קאַרק און דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק מיט אַ שיכורע מישונג אין קאָפּ, איז ער, אַנשטאָט, ווי פריער מיט מינוטן, צו אַנטלויפן און אויסהיטן זיך פון אַזעלכע קלעפּ, געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, ווי זיך פאַרטראַכט, וואָס צו ענטפערן דערויף...

חנה האָט אים קוים דערקענט. אין זיינע אויגן איז איצט געלעגן אַ שטיק פייער מיט האַס. דאָס אויסגעצויגענע, אָנגעשפּיזטע פּנים, די קראַמפּהאַפט פאַרקוועטשטע פויסטן, די אָנגעדראָלענע פּיס און דער שווידער פון זיין לייב האָבן חנהן געוויזן אַ נייעם שלמהן, אַ מענטש, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט...

חנה האָט זיין בונט נישט פאַרשטאַנען און צומאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. זי האָט נאָר אינסטינקטיוו אַרויסגעפילט, אַז מער וועט שלמה שוין נישט זיין דער מאַן אירער, ווי אַמאָל.

דער נייער שלמה איז געשטאַנען אין אַ זייט, געקרעמפּט די פויסטן מיט אַלע כוחות, געקוקט מיט איבערמענטשלעכער און אָפענער שנאה אויף די גוואַרדיסטן, און ווי געוואַרט אויף אַ געהעריקן מאָמענט אַרויסצוטרעטן אָפן פאַר אַלעמען מיט זיין צאָרן און נקמה...

פּלוצעם האָט זיך חנה דערפילט, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט נאָר וואָס געבוירן אַ נײַ קינד, און דאָס קינד שטייט פאַר אַ געפאַר, אַן אומגליק... טרערן זענען געפלאָסן איבער אירע בלייכע באַקן, ס'האָבן זיך געעפנט די ווייך-האַרציקסטע קוואַלן פון איר גוף, און אַ נייע כוואַליע פון מוטערלעכע געפילן האָבן פאַרפלייצט איר האַרץ. זי האָט אַרומגעכאַפּט מיט אַ צאַפּלדיקער וואַרעמקייט איר נייעם שלמהן...

— קום אַוועק פונדאַנען, שלמהלע, קום! נאַ, דו וועסט דאָך געפרוירן. טו דאָס אָן אויף זיך, נאַ!...

זי האָט אויסגעטאָן פון זיך אַ דיקן האַלדז-טוך און דאָס פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז.

שלמה האָט זי אַ רגע אָנגעקוקט, לייכט אַ שמייכל געגעבן, אַ גלעט איר געטאָן איבער אירע הויכע פאַרקעמטע גראָע האָר, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און איז אַוועק מיט איר אין אַ זייט, האַרט, ווו די געטריבענע האָבן זיך געזאַמלט.

מיטאַמאָל זענען אָנגעפֿאָרן עטלעכע אויטאָס. דאָס איז געווען א שרעקלעך ווילד פֿאָרן, ווי די מאַשינען וואָלטן בראָנפֿן, אָנשטאָט בענזין, געטרונקען. זיי האָבן געקרייזט איבער די טראָטואַרן, אָנגעקלאַפּט זיך אין די ווענט, צוריק אראָפּגעפֿאָרן אויפֿן שאָסיי, כּדי אין א מינוט ארום ווידער אָנצוהייבן דאָס זעלבע אויפֿסניי...

אין אויטאָ, א פֿול געפּאַקטער מיט קליינע קינדער און פֿרויען, איז „אָנגעריטן" אין א גאַלאָפּ אויפֿן פּלאַץ אַרויף. דאָס הינטערשטע טירל פֿון אויטאָ האָט זיך פֿאַרשעפּעט אָן א וואַנט ביי אן עק הויז און זיך אויפֿגעריסן. די צונויפֿגעדרענגטע קינדער און מאַמעס האָבן גענומען ארויספֿאַלן פֿון אויטאָ אַרויס... דער אויטאָ האָט זיך געטאָן א שטעל אָפּ מיט אזא וואָרף און אימפּעט, אזוי ווי א גוסס גיט זיך א טרייסל מיט די לעצטע כּוחות פֿאַרן ארויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם...

דער אָפּיצער, וואָס האָט געפֿירט דעם אויטאָ, איז גיך ארויס פֿון זיין זיץ־אָרט און א קוק געגעבן, וואָס דאָ טוט זיך. ער איז מיטאַמאָל ארייַנגעפֿאַלן אין אזא רציחה, אז ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען איבער די ארויסגעפֿאַלענע גופֿימלעך פֿון די קליינע קינדער, אזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט מיט די שווערע שטיוול זיינע ארייַנגראָבן אין דער ערד אַריין, מיט גזלנישן כּעס, מיט א ווילדן געשריי האָט ער א קלאַפּ צו געגעבן די קלאַפּע פֿון הינטערשטן טירל, פֿאַרקייטלט עס אויף א קייט און געוואָלט צוריק אריין אין אויטאָ.

אָבער אייִדער ער האָט באַוויזן דאָס צו טאָן, איז שוין שלמה געשטאַנען לעבן אים. דער אָפּיצער האָט פֿון גרויס וווּנדער, וואָס אזא צעווילדעוועטער פֿאַרשוין מישט זיך אריין אין „זיין עסק", א לענגערע רגע פֿאַרשטאַרט געקוקט אויף שלמהן...

שלמה פֿעלטשער אָבער, וואָס האָט דווקא נישט אויסגעזען ווי קיין משוגענער, נאָר ווי איינער, וואָס אים איז שוין אַלץ איינס, און וואָס האָט באַשלאָסן מער נישט צו שווייגן — שלמה איז נישט געבליבן שטיין אויפֿן אָרט...

ער האָט א כאַפּ געגעבן א קינד, וואָס איז נאָר וואָס צעטרעטן געוואָרן דורכן אָפּיצער, א הייב־אויף עס געגעבן פֿון דער ערד, א קוק געטאָן דערויף, עס הייליק א קוש געטאָן, גענומען עס אין איין האַנט אריין און געגאַנגען דעם גוואַלדיסט גלייך אנטקעגן....

דער אָפּיצער איז פֿון אומגעריכטקייט צעמישט געוואָרן און הינטערווייַלעכס צוריקגעטרעטן. נישט חנהם געוואָלדן און נישט די ווי־געשרייען פֿון די מאַמעס האָבן שלמהן נישט אָפּגעהאַלטן פֿון זיין גאַנג אויפֿן אָפּיצער. און מיטאַמאָל איז דער אָפּיצער, ווי א ווילד־געיאָגטער הונט, אַנטלאָפֿן פֿון זיין אָנפֿאַלער, ארייַנגעכאַפּט זיך אינעם אויטאָ און איז שנעל אָפּגעפֿאָרן...

און פּונקט אזוי גיך, ווי עס איז אויסגעבראָכן שלמהס שגעון־אָנפֿאַל, זיין רציחהדיקער שגעון, אזוי שנעל איז דער כּעס פֿון אים אַנטרונען געוואָרן... ער

האָט זיך אויסגעשטעלט לעבן חנהן, אָנגענומען איר פאר דער האנט און מיט זייגע פארבלוטיקטע פינגער געווישט איר די טרערן פון אירע אויגן...

א בייזער ווינט, פאראייניקט מיט א נאסן שניי, האָט פון איין זייט געשמיסן די מענטשן אין די פנימער אריין זיין ווילדקייט און אכזריות און גלייכצייטיק געטריבן אין דער הויך די וואָלקנס, און געמאכט אין מזרח א וועג פאר דעם נייעם טאָג, וואָס האָט געזאָלט אָנקומען...

דערווייל זענען אָנגעפאָרן פרישע אויטאָס, דאָסמאָל שוין ליידיקע. אָפיצערן מיט בלאַנקע שווערדן און א טייל זעלנער מיט רעוואָלווערן אָדער נאהייקעס אין די הענט זענען פלינק אראָפגעשפרונגען פון די אויטאָס, צוגעלאָפן צו די טויזנטער יידן, וואָס זענען געווען פארזאמלט אויפן שאָסיי, און ווילד גענומען טרייבן די מחנה אויף די אויטאָס ארויף.

דער פרימאָרגן=נעפל האָט זיך אויפגעהויבן העכער, איז ווייסער און העלער געוואָרן און האָט געוויזן דעם הימל א וואלד פון נאַקעטע, עלנטע, געפלאָגטע באַשעפענישן...

דער הימל האָט זיך אזש דערשראָקן פאר דעם, וואָס דער טאָג האָט פאר אים אויפגעדעקט... די בלוטיקע טרערן און דער מענטשלעכער פחד זענען ארויסגעגאַנגען מיט א נעפל=געוויין צום בייזן גאָט און געפאָדערט משפט, נקמה!...

מיט פארפרוירענע, שנייאיקע טרערן האָט דער הימל געגאָסן אויף די מענטשן און אויפגענומען דעם אויפגייענדיקן מענטשלעכן פחד, ווי אייגענע שרעק, ווי אייגענעם אומגליק...

געשווינד און פלינק האָבן די יידן געמוזט שפרינגען אויפן אויטאָ ארויף, אנדערש האָט די ווילדע האנט פון רוצחישן אָפיצער א ווייע געטאָן מיט געוויטער איבער א פלייצע, איבער א האנט, א קאָפּ, א פוס און, וו נאָר זי האָט אָנגעטראָפן...

נישט איינער איז פארבליבן ליגן מיט א צעבראָכענעם קאָפּ, האנט אָדער אנדער גליד, פארבליבן ליגן מיט געיאָמער אויף דער ערד, ביז וואנען א רוצחישער שטיוול האָט זיין ווייטיקלעכן שטערן אריינגעגראָבן צוזאמען מיט זיין פנים אין דער טיפער בלאָטע אריין...

שלמה פעלטשער איז אויך געוואָרן שטורעם, די אויגן האָבן געבליצט מיט פייער, נאָך יונגן פייער, און זיין הארץ האָט געבושעוועט דער בינטאַרישער פארלאַנג אקעגנצושטעלן זיך דעם בייזן פארגוואלדיקער...

ער האָט זיך דער ערשטער ארויפגעכאַפּט אויף אן אויטאָ און פלינק, מיט איבערמענטשלעכע כוחות געשלעפט איין באשעפעניש נאָכן אנדערן אויפן אויטאָ ארויף, כדי נישט צו דערלאָזן, אז עמעצער זאָל שוואך ווערן, נאָכלאָזן א האנט, צוריקפאלן אין די רוצחישע הענט....

ניט איין קלאפּ פון א שווערד, נישט איין זעץ פון א נאהייקע אָדער פון רעוואָלווער האָט אָנגעשטאָט צו טרעפן דעם קרבן, צעקלאַפּט ביי שלמהן די הענט, דעם קאָפּ אָדער האָס לייב...

שלמה פעלדשער האָט אָבער גאָרנישט געפילט; ער פון איין זייט, דער זון פון דער אנדערער האָבן געטאָן זייער ארבעט און צומאָל נישט געפילט, נישט קיין ווייטיק און נישט קיין פארמאטערטקייט צוליב דעם געוואלדיקן איבערפלוס פון כוחות, וואָס האָט זיי פארפלייצט...

די שיינע חנה איז געשטאַנען הארט הינטער זיי און זיי צוגעהאָלפן אין דער ארבעט... זי האָט די ארויפגעצויגענע ברואים אוועקגעפירט ווייטער, אין עק אויטאָ, כדי צו מאכן פּלאַץ פאר נאָך מענטשלעכע הערינגלעך, וואָס האָבן געשטויסן, געשטופּט און געוואָרפן זיך דאָ אהער, אין דעם ריזיקן באנג אריין...

א גרויסע צאָל אויטאָס איז אין פארלויף פון געציילטע מינוטן פארפולט געוואָרן. ווי נאָר די ערשטע הינטערשטע קלאַפּע פון איין אויטאָ האָט זיך פאר־קלאַפּט, ווייל מער האָט שוין בשום אופן נישט געקאָנט אריין, האָט זיך אָנגעהויבן א געקלאפעריי פון אלע קלאפּעס־טירלעך, עס האָט א פייף געגעבן א סיגנאל, און די אויטאָס האָבן גערירט פון אָרט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א ווילדע, משוגענע פאָרן. איין אויטאָ האָט געוואָלט איבעריאָגן א צווייטן און זיך צום סוף אָנגעקלאַפּט אין אים און צעבראָכן האָט הינטערשטע רויטע סיגנאל־לעמפּל. ער האָט זיך אָנגעצונדן און באלד ארומגע־כאַפּט געוואָרן אינגאנצן פון פלאמען.

די מענטשן זענען משוגע געשפרונגען פונעם צעווילדעוועטן אויטאָ אראָפּ און גלייך זיך ארומגעקאָלערט אונטער דעם נאָענטן אויטאָ, וואָס האָט זיי אין דער ערד אריינגעדרעגגט.

אזוי האָבן טויזנטער מענטשן אין א גרויסער צאָל אויטאָס געלאָזט זיך אין א שרים־געיעג נאָך א טייוולס מאשין, וואָס איז מיט א פייערדיקער שרפה אנט־לאָפן מיט ברענענדיקע מענטשן אין דער ווייטער וועלט...

אזוי זענען מענטשלעכע ברואים, אין די פינצטערע, פארשאָלטענע צייטן פון המן דעם צווייטן, צוועלף שעה נאָכאַנאַנד געשלעפּט געוואָרן הונדערטער קילאָ־מעטערס, אָן שום אָפרו, אָן שום עסן, אָן וואסער און אָן מעדיציני‌שער הילף.

מענטשלעכע קערפּערס זענען געפאלן איינער אויפן אנדערן, קעפּ האָבן זיך אין קעפּ צעשלאָגן, זייטן אין זייטן צעבראָכן, אברים אין גלידער צעהאקט, איין קינד איז אויפן אנדערן אין חלשות געפאלן, א צווייטס מיט יסורים האָט זיך אויף א הריטס געלייגט, און האָס געדרענגעניש איז פון מינוט צו מינוט, פון רגע צו רגע ערגער און שווערלעכער געוואָרן.

דער דורשט האָט די גומענס ביז בלוט צעשפּאָלטן, און דער ווינטיקער שניי, וואָס האָט מיט בייזן און אייז־קאַלטן וואַסער געשמיסן, האָט דעם דורשטיקן גיהנום נאָך מער פאַרשטאַרקט.

די קלענערע באַשעפענישן זענען איינער נאָך דעם אַנדערן געפאַלן ווי מתים צו דער ערד און אַזוי שוין געבליבן ליגן אָן געפיל, אָן לעבן. בלויז איינציקע מענער האָבן געהאַלטן אויף זייערע צעבראָכענע אַקסלען די קליינטשיקע ברואימלעך און, נישט געקוקט אויף דעם מוראדיקן פיזישן ווייטיק און דער אומגעוויינלעכער מיד־קייט, אויסגעהאַלטן דעם האָזיקן גלות־לאַנגן וועג, ביז דזשאַלדאָווע...

דער פינצטערער אָוונט, וואָס האָט זיי באַגעגנט, און דער קאַלט־נאַסער רעגן, וואָס האָט זיי געשמיסן אין די צעווייטיקטע אויגן אַריין, האָט די מענטשלעכע ברואים איינגאַנצן בלינד געמאַכט. זיי האָבן שוין אַראָפּגיין פון די אויטאָס נישט געקאָנט, נאָר זענען אויסגעשיט געוואָרן פון זיי, ווי שטיינער פון א פור.

די אָפיצערן האָבן געשטויסן סטאַדעסווייז איין פאַרטיע נאָך דער צווייטער אין די הילצערנע באַראַקן, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אויף טריט און שריט. מיט שמיץ פון נאַהייקעס, מיט קלעפּ פון נאַקעטע הענט, געשרייען און ווילדע געוואַלדן זענען די יידן, ווי בהמות, אַריינגעיאָגט געוואָרן אין די באַראַקן, געוועזענע שטאַלן פאַר פערד.

זעקס און דרייסיק שעה זענען די מענטשן געווען אין די דאָזיקע באַראַקן, זעלטן עמעצער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם פאַרנעצטן, דורכגעפוילטן און פאַרעיפּושטן שטרוי, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס. א סך האָבן אָבער קיין ברירה געהאַט, זענען פּשוט פון די פיס געפאַלן, אָן כוחות, אין קרענק־לעכער היץ.

הנה די שיינע איז געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך נישט צוגעלייגט אויף אַ מינוט צומאָל אָפּרוען. א „מאַמע“ פון א „ביי“־געבוירן „קינד“, האָט זי פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען אויף א רגע. גרויסע געפאַרן האָבן אויך דאָ געלויערט אויף זיי...

די מענטשלעכע חיות האָבן זיי אויף א מינוט נישט געלאָזט צו רו. דזשאַל־דאָווע איז באַקאַנט געווען אין די צייטן פון המן דעם צווייטן, ווי אַן אָרט, וווּ המנס געפאַנגענע, אַזוי פערסער,* ווי יידן, זענען דורכגעגאַנגען א ספּעציעלע „שולונג“. דאָ האָבן אויסגעשולטע קנעכט פון המן דעם צווייטן, זיינע אָפיצערן און גוואַר־דיסטן, מיט די צוויי סמך־קריינדלעך אויף די אָרעמס, געהאַלטן געפאַנגענע אַנדע־רע קנעכט, מענטשלעכע ברואים, וואָס האָבן נאָך דערווייל קיין אַנדערן האַר איבער זיך נישט געהאַט און אויך נישט געקאָנט מיט אייגענע כוחות זיך ווערן קעגן די פאַרפאָלגער...

---

* פּאָליאַקן — רעד.

ווער פון די, וואָס איז דורכגעגאַנגען די „שולונג“ פון הזשאַלדאָווע, לעבט נאָך? און אויב עס איז נאָך עמעצן געלונגען מיט נסים צו באַפרייען זיך און אַרויסצוקריגן זיך פון האָרטן, צי איז ער אָבער געבליבן ביים געזונט, אָן א פגם אויפן קערפּער? ווער קען וועגן דעם דערציילן?...

קיינער איז נישטאָ פון די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם שטראָף־אויסשולונגס־קורס פון הזשאַלדאָווע, קיין איין לעבעדיקער עדות איז נישט פאַרבליבן, און אויב עס לעבט נאָך עמעצער, צי איז ער נאָך אימשטאַנד עפּעס צו דערציילן וועגן זיינע לײדן דאָרט?

די יידישע און פּערסישע קרבנות פון גירוש פּ״ק, וואָס זענען זעקס און דרייסיק שעה געווען אין דאָזיקן לאַגער, האָבן נישט באַוואָרפט קיינעם אויסצופרעגן וועגן די לײדן פון א געפאַנגענעם אין הזשאַלדאָווע.

עס איז דאָך פאַר זיי געשטאַנען אָפן דער גורל פון די געפאַנגענע דאָ!...

די גריבער — פול מיט שמוציקן וואַסער, דער גאַנצער וואַלד, וואָס איז ספּעציעל „קולטיווירט“ געוואָרן מיט כלערליי בלאָטעס, מיט פאַרשידענע קלעצער, דרענגער, מיט שטעכיקן דראָט, וואָס האָט פאַרצוימט א טייל ביימער, מיט ציגל און שטיינער, מיט ליים, פעד, העק, מיט לאָפּאַטעס און נאָך אַזעלכע מכשירים, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו דינען דער מענטשלעכער מלאכה — אָט די דאָזיקע אַלע זאַכן, און די אויסגעשניטענע אויפשריפטן אויף די האַלב־נאַקעטע ביימער האָבן מער געהערט, ווי מענטשלעכע רייד וואָלטן דאָס געקאָנט געבן צו פאַרשטיין...

חנה די שיינע האָט געהאַט א שווערע אַרבעט אָפּצוהיטן אירע צוויי קינדער. יעדע שעה, אפילו אין מיטן נאַכט, זענען אַריינגעלאָפן עטלעכע אָפיצירן, געהאַקט איבער די קעפּ און איבער אַלע אברים און מיט א ווילד געשריי אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן.

מענער, פרויען און קינדער זענען געיאָגט און געטריבן געוואָרן אין די גריבער וואַסער, אהין אַריינגעשלײדערט געוואָרן, געמוזט מיט די נאַס־געוואָרענע מלבושים זיך און פלינק פון דאָרט אַרויסקריכן, אַרויפקראַצן זיך אויף דיקע ביימער, שפּרינגען איבער די צוימונגען פון דראָט, שלעפּן ציגל, שטיינער, אויסשמירן זיך אין דעם ליים און פעד און וואַזען, ווי הינט, ביים לערנען זיך קריכן אויף די קניען, אויף די בייכער, אויף די רוקנס.

און וויפל פון זיי זענען פאַרבליבן אָן כוחות אין די גריבער, זיך צעהאַקט, צעבלוטיקט און אָפּגעגאַנגען אין בלוט איבער די דראָט־פאַרצוימונגען, ביים קריכן איבער די ביימער און ביים פאַלן כורעים, וויפל?...

שלמהלע פעלדשער האָט געכאַפּט מער קלעפּ פון אַנדערע. אים האָט די באַהייקע מער געשמיסן איבערן קאָפּ און איבערן לייב, ווי די איבעריקע. אָבער אַנשטאָט צו בלייבן אויפן אָרט, צו קלאָגן און יאָמערן, אָדער א פאַרשטאַרטער

זיך לאָזן יאָגן פון שונא, — איז ער געווען דער ערשטער צו געבן הילף, ווען עמעצער האָט זיך מיט בלוט פארגאָסן. ער האָט דאָס בלוט מיט דעם פינגער זיינעם געהאַמעוועט, אויסגעגאָסן דעם ערשטן שטראָם, און פארהיטן, אז אין דעם ציקאַלעטשעטן אבר זאָל זיך קיין שמוץ נישט אריינקריגן.

ער, זיין זון און די פרוי האָבן די גאנצע צייט געוואכט אין די באַראַקן, געלאָפן אהער און אהין, געלאָזט זיך שלאָגן, אזוי ווי דער ווייטיק וואָלט אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט, און געטאָן זייער ארבעט.

שלמהלעס ביישפיל האָט לאנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אויך אנדערע זענען צוהילף געקומען. איז עמעצער געפאַלן, האָט אים א צווייטער א האַנט דערלאַנגט, געהאָלפן אויפהייבן זיך און געשטעלט אים אויף די פיס.

אין דער ערשטער נאכט האָט מען פון די אקעגנאיבערדיקע באַראַקן, ווו עס האָבן זיך געפונען די פערסער פון פ"ק און, אזוי ווי די ייִדן, ארויסגעטריבענע — דערהערט א יאָמערלעך געוויין פון א פרוי. קיינער האָט זיך אין אָנפאַנג נישט געקאָנט אָנשטויסן, וואָס עס איז דאָרט אזוינס געשען. דאָס געוויין און דער געיאָמער האָבן דעם שאַרבן פון קאָפּ געצויגן.

מיטאַמאָל איז שלמהלע פעלטשער צוגעגאַנגען צו דער טיר, כדי אהין אריבערצוקוקן און העלפן דער פרוי. חנה די שיינע איז אָבער לעבן אים געשטאַנען, אזוי ווי א מלאך א שומר. זי האָט זיך אריינגעקלאַמערט אין אים מיט א געוויין און מיט א פאָר אויגן, וואָס האָבן געבלישטשעט אין דער פינצטער מיט געבעט און טרערן, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער אירע בלאַסע באַקן.

שלמהלע האָט איצט גערעדט ווייך, אזוי ווי א געטרייער זון רעדט צו א מאַמען:

— מען מוז דאָך העלפן געבוירן א קינד, עס איז דען דאָ א ברירה? זי וועט דאָך אויסגיין פון בלוט, וועט זי דאָך אויסגיין. האָב קיין מורא נישט, חנהלע, מיר וועט גאָרנישט געשען, גאָרנישט!...

חנה די שיינע איז אָבער געשטאַנען אייזן־פעסט. ווי א מאַמע, וואָס וואכט איבער איר קינד, האָט זי זיך געקלאַמערט אין אים און שטיל געפליסטערט מיט געבעט:

— דו נישט, איך וועל גיין! איך וועל גיין, נישט דו!

שלמהלע פעלטשער, וואָס וואָלט אן אנדערש מאָל זיכער זיך געאַמפּערט און פאַר קיין פאַל נישט מסכים געווען, אז זיין חנה זאָל ריזיקירן מיט דעם לעבן, ווייל עס איז געווען א בפירושער באַפעל, אז א ייִד טאָר קיין „גוי“ נישט געבן קיין מעדיצינישע הילף, — איז איצט געווען גאָר גאָר אן אנדערער. ער האָט הערויף גלייך איינגעשטימט.

— גיי, חנהלע, גיי, און טו דיין ארבעט!

ער האָט פון די טאַשן געשלעפּט שטיקלעך וואַטע, אַ מעסערל, אַ קליינעם מיט אַ פּערלמוטערנעם פלאַסטער, נאָך אַ צווענגל, און האָט אַלץ איר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין.

חנה די שיינע איז איצט געווען אַ שטיק פייער. זי האָט אַ שעפּטשע געטאָן אין דער שטיל צו די פּערסער ביים אַריינגאַנג זיין בוראַק:

— אַ, אַקושערקע! — און איז גיך צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו דאָס קול האָט גערופן.

דער געבורט האָט שוין געהאַט זיך אָנגעהויבן. אַ ריזיק באַשעפעניש איז געלעגן אויסגעצויגן אויף שמוציקן שטרוי מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע גלידער און געלאָזט פון זיך אַרויסציִען די אומגעוויינטע. די איבערמענטשלעכע קולות צוליב די ווייען האָבן זיך באַלד צונויפגעמישט מיט אַ פּישטשען פון אַ ניי־געבוירן באַשעפענישל, וואָס איז, ווי אויף צו להכעיס, געקומען אויף דער וועלט הווקא אין אַזאַ אָרט, ווו האָט לעבן האָט גאָר קיין ווערט נישט...

חנה האָט געריסן שטיקער העמד פון איר אייגן לייב אַראָפּ, ביז וואַנען זי האָט באַוויזן צו פאַרהאַלטן דעם אומאויפהערלעכן בלוט־שטורץ, וואָס די נייע מאַמע האָט באַקומען.

דריי שעה האָט זיך חנה געמאַטערט, ביז וואַנען זי האָט אירס אויסגעפירט. די פּערסישע ווייבער האָבן זי אַרויסגעפירט אין דרויסן און איר פיל גוטס געווונטשן.

ווען חנה איז ענדלעך אַריין אין באַראַק און אָן כוחות אַרויפגעפאַלן אויף שלמהן, האָט ער זי אַ כאַפּ געגעבן אויף זיינע האַרטע און לאַנגע הענט, געטוליעט זי צו זיך, ווי אַ קינד אַ מאַמען, און איר מיט דעם אייגענעם פּנים אָפּגעווישט די טרערן.

ווען דער נייער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען דעם ריזיקן וואַלד איינגעהילט אין אַזאַ סודותפולן טרויער, ווען ער האָט דערזען די צווייגן פון די ביימער זיך שאָקלען אין אַ יאָמערלעכן קדיש נאָך די פרישע קדושים — האָט ער רחמנות געקריגן אויף די אומגליקלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך צעשראָקענע געטוליעט איינער צום אַנדערן אין זייערע באַראַקן, און זיך צעיאָמערט מיט אַ ניי־עם אייז־קאַלטן רעגן...

און ווידער האָבן שטעקנס, נאַהייקעס, שווערדן און רעוואָלווערן געטריבן די כמאַדעם מענטשלעכע ברואים איבער וואַלד, שטעג און וועג, ביז וואַנען זיי זענען אָנגעקומען צו דער באַן, וואָס האָט זיי געזאָלט אַוועקפירן אין אַ נייער אומבאַקאַנטער וועלט...

נאָר אַיידער דאָס איז געשען, איז אַ קליינע הילף אויף זיי געקומען. פונוואַנען די האַזיקע הילף האָט זיך גענומען — דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. עס איז פּשוט געווען אַ וווּנדער, וואָס גראָד אין אַזאַ צייט האָבן זיך, אויסנוצנדיק די מאָ־

מענטשאַלע שוואַכע וואַכזאַמקייט פון די אָפיצערן, אונטערגעגעבעט צו זיי מענטשן מיט נאָרמאַל־מענטשלעכע פּנימער, געפּליסטערטע ווייכע, האַרציקע רייד און אַריינגעשטעקט אין אַ סך הענט עסן און געלט.

און די מענטשן, וואָס זענען דורך די פאַרגאַנגענע זעקס און דרייסיק שעה אויסגעליידיקט און באַרויבט געוואָרן דורך די אָפיצערן, זענען איצט געשטאַנען פאַרשטאַרטע, נישט געקאָנט גלייבן די אייגענע אויגן, אַז דאָס אַלץ: דאָס גוטע ביסל געקעכץ, די איידעלע, האַרציקע באַנעמונג און דאָס געלט — אַז דאָס זאָל זיין פאַר זיי.

אָבער דאָס האָט געמוזט שנעל פאַרשווינדן.

און ווידער זענען מענטשן אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אַ שטיקעניש און דרענגעניש, אַזוי ווי שטיקער סחורה, העלצער אָדער שטיינער. די טירן פון די וואַגאָנעס זענען פאַרחתמעט און פאַרזיגלט געוואָרן, און די היץ צוליב דעם, וואָס די וואַגאָנעס זענען געווען נאָר מיט קליינע שייבעלעך, ווי אין פי־וואַגאָנעס, האָט זיך באַלד געלאָזט פילן מיט דער גאַנצער קראַפט. אין פאַרלויף פון דער ערשטער האַלבער שעה זענען זעקס קינדער געפאַלן אין חלשות.

חנה האָט געקוקט אויף איר מאַן, אויף זיין בייזן בליק, וואָס איז געווענדעט געווען אין איין פּונקט, אויף דער וואַנט, און זי האָט זיך פאַר אים דערשראָקן. די שרעק האָט זי אַזוי פאַרענדערט און איר געגעבן אַזוי פיל כוחות, אַז זי איז צוגעפאַלן מיט ביידע הענט צום קליינעם פענצטערל און געשריגן צו די אָפיצערן אויפן פעראָן מיט אַ ווילד געשריי:

— וואַסער גיט אַהער, וואָס ווילן מיר דען קאָנען טאָן מיט די טויטע קינדער אין וואַגאָן? מיר קאָנען זיי דאָך נישט באַגראָבן? וואַסער גיט אַהער, וואַסער.

אָבער זייערע פאַרשטיינערטע הערצער זענען נישט גערירט געוואָרן. בלויז איינער פון זיי איז אַוועק און געבראַכט אַן עמער וואַסער.

חנה האָט אָנגעשעפּט די פלעשער, די טעפּלעך און שיסלען און אַלעמען דערלאַנגט. גלייך זענען די ריגלען פון די טירן פאַרקלאַפּט געוואָרן, און די וואַגאָנעס זענען אָפּגעפאָרן קיין כמיעלניק.

נישט די אָפיצערן, אַפילו נישט די קאָך־לעפל — די קהילה־לייט פון שטעטל — האָבן נישט פאַרזאָרגט די אַרויסגעטריבענע, נישט מיט קיין געלעגער און נישט מיט קיין עסן.

אָרעמע, געפּלאָגטע און אויסגעמוטשעטע מענטשן האָבן געוואַנדערט פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז, און געבעטלט אַ שטיקל אָרט צום שלאָפן, אַביסל געקעכץ, אָדער אַ שטיקל ברויט פאַר זייערע קינדער.

שטום האָט דער הימל געקוקט מיט זיינע שטערן־עדות אויף דער פאַראומגליקלעכטער וועלט און געשוויגן... בלויז אין אַ ווינקל פון הימל האָט פון הינטער

א גראָען וואָליקן אפּערגעקוקט א האַלבע זילבערנע לבֿנה און מיט איר קאַלטן חוזק געשפּאָט פֿון די מענטשן...

די ערד האָט געציטערט פֿון קעלט און ווייטיק, אָבער אויך זי האָט געשוויגן מיט אַזאַ שטילקייט, וואָס האָט מיט ווינט אײַנגעראַמט א טרויעריקן, יאושפֿולן סוד די מענטשלעכע ברואים...

בלויז די ביימער און די מויערן פֿון שטעטל האָבן מיט זייערע שאָטנס געוועקט און געמאָנט די אָרעמע און פֿאַרטריבענע צו מעשים און נקמה...

שלמהלע פֿעלמעשער האָט געפֿירט די מחנה באַשעפֿענישן צו די הויכע מויערן, געקלאַפּט מיט די רעגנער אין די געשלאָסענע טירן און לאָדנס און געהאַלטן אין איין שרייען צו די, וואָס האָבן נאָך געהאַט, ווו א נאַכט צו שלאָפֿן, א שטיקל ברויט צו דער זעט צו עסן, מיט זיין הייזעריקן קול:

— העי, איר בהמות! לאָזט אַריין אין אײַערע שטאַלן אויך אַנדערע קעל־בער! לאָזט אַריין! גיכער, שנעלער עפֿנט די טירן, כּל זמן די קעלבער ווערן נישט קיין אָקסן און נעמען אייך נישט אויף זייערע הערנער! גיכער, שנעלער! עפֿנט אײַערע לאָדנס און טירן!! גיכער און שנעלער, גיט אָנצופּאַיען און פֿאַשעט אָן די פֿרישע קעלבער!

לסוף איז שלמה געבליבן אַליין מיט זיין פֿרוי און קינד אויף דער גאַס, און נישט געהאַט קיין הויז, ווו פֿאַר זיך און זיין משפּחה א מקום־מקלט צו באַקומען.

פֿון ערגעץ, פֿון אן אָפּגעלאָזן הויז, האָט א ציג, א מאַמע, א מעקע־געגעבן צו א קינד, א קליין ציגעלע — אײַנגעשלעפֿערט עס...

דאָרט אַהין האָבן זיך די דריי וואַנדערער געלאָזט גיין, באַגלייט דורך די שאָטנס פֿון די ביימער און הייזער, וואָס האָבן זיי דעם וועג געוויזן.

חנה די שיינע האָט געטוליעט צו זיך אירע צוויי קינדער אין ביידע זייטן, דעם מאַן, וואָס זיין מידער קאָפּ איז געלעגן אויף איר ששויס, און דעם זון, אבֿרהמעק, וואָס האָט זיך אין שלאָף געוואָרפֿן מיט א שוידער פֿון קעלט.

דאָס ציגעלע האָט איר מיט א פֿייכט וואַרעם צינגל געלעקט דעם קאַרק, געגלעט דאָס פּנים, און ווי מיטגעפֿילט דעם גורל פֿון א מאַמע, וואָס האָרף וואַך זיין, ווען זי פֿאַרמאָגט קליינע קינדער און מוז זאָרגן פֿאַר זייער לעבן...

5.11.1941

בייקל, פּייקל און בייקל

(כּלל־טוער פֿון אַ הויז־קאָמיטעט)

עס איז געווען אין די פֿרימאָרגן־שעהן. הער בייקל, דער פֿרעזעס פֿון הויז־קאָמיטעט, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַן אומצופֿרידענער, ווי תּמיד פֿאַרן פֿרישטיק־עסן. די טריט זיינע זענען געווען נערוועזע. ער האָט מיט ביידע הענט זיך געגלעט דעם פּליך און ווי געזוכט די פֿאַרבליבענע איינציקע הערעלעך, כּדי מיט זיי צו פֿאַרדעקן זיין „חרפּה“.

די גריבנע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט עפּעס אַ באַהאַלטענע שנאה צו עמעצן, וואָס איז אים איצט אויפֿן רעיון געקומען, און די אָנגעפּילטע טרערן־ביטעלעך אונטער די אויגן האָבן זיך געשאָקלט, געבאָמבלט אַרויף און אַראָפּ, ווי זיי וואָלטן מסכּים געווען מיט דעם געדאַנק זיינעם.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט אין קאָרידאָר. די פֿרוי איז אַריינגעקומען מיט אַ גרויסער טאַץ אין ביידע הענט. אַ פּאַרע, געמישט מיט אַ שאַרפֿן ריח, האָט אָנגעפּילט דאָס צימער. זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ טעלער גריץ און דערנעבן אַ טעצעלע מיט עטלעכע זעמעלעך.

— גיי, וואַש זיך צום עסן! — האָט זי געזאָגט.

דער פֿרעזעס בייקל האָט עפּעס אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז, מסתּמא, אַז ער האָט זיך שוין געוואַשן, און באַלד גענומען אונטערפֿאַנגען אַ לידעלע, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין צופֿרידנקייט...

די פֿרוי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אָן אַ וואָרט, יאָ, ווי ס׳וואָלט איר נישט ניחא געווען זיין שטאַרקער חשק צום עסן, האָט זי בייזלעך אַ וואָרטשע געטאָן צו אים:

— ס׳קאָסט שוין אַ זלאָטע פֿופֿציק אַ זעמעלע!

זעט אויס, אַז דער פֿרעזעס האָט צומאָל נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי האָט דערמיט געמיינט, ווייל דאָס האָט ביי אים דעם חשק צום עסן נישט אָפּגענומען. פֿאַרקערט, ער האָט נאָך גענומען אונטערברומען אַ פֿריש לידל:

— אַ גלאָטע פּופּציק אַ זעמעלע, אַ זלאָטע פּופּציק, אַ זלאָטע פּופּציק — און אַזוי כסדר..

די פֿרוי איז אַ בייזע אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער.

ווען דער פּרעזעס בייקל האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקן, עס איז שוין קוים דאָרט געבליבן עפּעס אַ ביסל גריץ אין טעלער, האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר. באַלד האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין זיין צימער. בייקל האָט קוים באַוויזן גיך צוצודעקן מיט אַ צייטונג דאָס טעצעלע מיט די איבערגעבליבענע הריי זעמעלעך, ווי עס איז אַריינגעקומען אַ האַר, אָרעם מענטשל.

— גוט מאָרגן, פּאַניע פּרעזעס! אַ גוטן אַפּעטיט! — האָט דאָס דאַרע פֿאַר־שווינדל אין אַ געלאַטעטן מאַנטעלע גיך אַראָפּגעשלונגען דאָס ביסל שפּייעכץ, וואָס איז אים געקומען אין מויל אַריין ביים דערזען דאָס געשמאַקע, פֿאַרפֿאַרטע ביסל גריץ אין טעלער...

— גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר! פֿאַרוואָס שעלט איר מיך? — האָט דער פּרעזעס געוואָלט חוזק מאַכן פֿון דעם דאַרן מענטשל — וואָס פֿאַר אַ נייעס האָט איר פֿאַר מיר, רב שמערל?

— עהע, מהע! פּאַניע פּרעזעס, יאַד האָב ענק געוואָלט בעטן אַ קוויטל צום דאָקטאָר פֿאַר מיין זון. איר ווייסט האָך, פּאַניע פּרעזעס, ער קרענקט שוין באַלד אַ יאָר צייט און קאָן גאָרנישט פּטור ווערן זיין מחלה. נאָר די זייטן, די „באָקעס“ און דאָס האַרץ — שרייט ער — טוט אים וויי. געבטן האָט ער ווידער געקריגן שטאַרקע היץ, אָבער נישט נאָך דאָס איז דאָס ערגסטע. ער שפּייט דאָך שוין מיט בלוט! איר פֿאַרשטייט, פּאַניע פּרעזעס, מיט בלוט!

— מיט בלוט, מיט שמוט! — האָט זיך דער פּרעזעס נישט געקאָנט איינ־האַלטן פֿון כעס, וואָס איז אים פּלוצעם באַפֿאַלן. — ביי זיי גייט עס אַנדערש נישט, נור באַלד מיט בלוט! ס'געהערט אַ מעשה, אַנדערש פּאַסט אים נישט, נור מיט בלוט! גיט אים ליבערשט אַ טעלער גריץ, אַ הייסן טעלער גריץ, וועט איר נישט דאַרפֿן קיין דאָקטוירים, קיין האָקטוירים!

— פֿאַרוואָס זשאַלעוועט איר אים אַ ביסל גריץ? — האָט דער פּרעזעס ווייטער געפֿייערט מיט שטאַרקער רוגזה. — אָט זעט, רב שמערל, יעד בין אויך אַ שלאַפֿער מענטש, מיט מיין אַסטמע און מיט מיין שוואַך האַרץ! אָבער, אַז כ'היט מיר אָפּ דאָס ביסל גריץ צו דער צייט, דערהאַלט יעד מיך ביים לעבן און כ'קאָן באַשטיין אָן בלוט! וואָס דאַרף יעד באַלד בלוט, שמוט, נאָכוואָס?...

פּרעזעס בייקל האָט אָנגעקוקט דעם דאַרן פֿאַרשוין מיט אַזאַ כעס אין די טרערן־בייטעלעך, אַז דאָס מענטשל האָט זיך דערפֿילט שולדיק און איז געוואָרן נאָך שפּלדיקער, ווי פֿריער... דאָס פֿאַרשווינדל האָט געקנייטשט די פֿינגער פֿון די הענט, געבראָכן זיי פֿון פֿאַרלעגנהייט און איז צום סוף אַרויס מיט אַ פֿרישער מעשה:

— אפשר וואָלט עץ מיר געגעבן פאַרן זון א באַנע אויף א מיטאָג אין א קיך! ראַטעוועט אים, יאַך בעט ענק! ס'וועט אייך בנאמנות פאַררעכנט ווערן צו מצווה. ר'מעגט מיר גלייבן, פאַניע פּרעזעס.

— איר זעט, רב שמערל, — נאָר דאָס נישט! „גאַבאַלגע" טאָר מען נישט זיין! פע! עס פּאַסט נאָרנישט פאַר אייך, איר זענט דאָך אַן אָנשטענדיקער מענטש, ווי פאַלט איר נאָר אויס דאָס צו רעדן, ארויסצוברענגען פאַרן מויל? ווי פאַלט איר נאָר אויס? אלץ מיטאַמאָל? א דאָקטאָר קאָסט נישט, רעצעפּטן קאָסט נישט, און דערנאָך א פעלדשער צו שטעלן ביינקעס, צו מאכן „זאַשטשיקעס", און צו דעם אליעם נאָך געבן קוויטלעך אויף מיטאָגן אויך! פונוואַנען, מיינט איר, וועט דער קאָמיטעט דאָס אלץ דעקן, פונוואַנען? אפשר פון אייערע אָפּצאָלן, וואָס איר גיט נישט א גראָשן, אה? צי קלערט איר, אז די „רוסישעלניציע" וויל אזוי לייכט געבן קוויטלעך צו דאָקטוירים, צו פעלדשערס, אויף רעצעפּטן, און דערצו נאָך מיטאָגן? — דאָס קאָסט דאָך רייזיקע געלטער! פונוואַנען וועלן זיי נעמען דערויף, פונוואַנען?...

— פאָלגט מיך, רב שמערל, וואַרפט אוועק די נארישע רייד וועגן א דאָקטאָר־יאָקטאָר, און גיט אים א טעלער גריץ, נאָר א הייסן, א קאָכעדיקן טעלער, אז ס'זאָל אים אָנגעמען ביים פּיפּיק! איר הערט, ר' שמערל! נאָר אזוי זאָלט איר טאָן! גייט געזונטערהייט און זאָל אייער זון האָבן א רפואה שלימה צוזאמען מיט אלע ייִדן און מיר אויך, אָמן...

האָס פאַרשווינדל איז ארויס פון צימער. דער פּרעזעס האָט גיך א כאַפּ געגעבן דעם לעפל און אָנגענומען א ביסל גריץ און פאַרזוכט. אָבער באלד האָט ער א וואָרף געגעבן דעם לעפל צוריק אין טעלער אריין, טיף אָפּגעזיפצט און זיך הויך צעקרעכצט, מיט א שווער געמיט:

— תמיד אזוי! מען פאַרגינט מיר קיינמאָל נישט דאָס עסן.

די קרעכצעלעך און זיפצעלעך האָבן זיך צוגיסגעמישט, פאַרפלאָנטערט, אזוי לאַנג און ברייט, ביז וואַנען דער פּרעזעס האָט אָפּגעדעקט די צייטונג און א צי געגעבן צו זיך דאָס טעצל מיט די פרישע הייסע זעמעלעך. ביים ערשטן, צווייטן און דריטן ביס האָבן זיך די זיפצעלעך און קרעכצעלעך נאָך געוועלט — בייזלעכע, כעסדיקע. אָבער וואָס ווייטער זענען די קרעכצעלעך מיט יעדן ביס זעמל ווייכער געוואָרן, הנאהדיקער און שוין ארויסגעקומען זאַפטיקע, געשמאַקע, פרישינקע, ווי די אויסגעבראַטענע זעמעלעך...

ווייזט אויס, אז מ'האָט זיך היינט אויפן פּרעזעס ספּעציעל פאַרגומען. ער האָט נאָך ס'ערשטע זעמעלע נישט אויפגעגעסן, און ווידער האָט עמעצער געקלונגען ביי דער טיר, און באלד האָט אינער אָנגעקלאַפּט און אריינגעקומען.

— א, פאַניע פּרעזעסשע! — האָט א הייזעריק שטימעלע אויסגעשריגן — זייט מיר מוחל, וואָס כ'האָב אייך פשעשקאָדזשעט. מיט אפּעטיט, א גוטן אפּעטיט!

— קבע, קבע, קבע! — האָט זיך דער פּרעזעס צעהוסט צוליב זיין צו גיכן וועלן אַראָפּשלינגען דעם ביסן זעמל — קבע, קבע, קבע!...

— אַ פּאַסקודנעם טאָג האָב איך היינט, אַ בייזן. אַ מיאוסן טאָג! פון דעם אויפשטיין אָן מאַטערט מיך די אַסטמע און ס'האַרץ און אָט־אָט־דאָ אויך — האָט ער אָנגעוויזן אין דער לינקער זייט.

— ס'איז נישט קיין וואונדער אויך! — האָט לייטזעליק און מיט אַ רחמנות־קול גערעדט מיט אַ געמאַכטער טענה צום פּרעזעס דער סעקרעטאַר פייקל — אַז איר אַליין „רבאיעט" נישט אין אייער געזונט, איז ווער זאָל עס טאָן? אפשר איך? אַ מענטש זאָל נישט וועלן אַרויסגיין אויף אַ רגע אין גאַס כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט! ס'איז האָד צום באַוואונדערן! ווי אַזוי זאָלט איר אויף אַסטמע נישט ליידן, קיין שוואַך האַרץ נישט האָבן און קיין „זאַפּאַלעניע פלויץ" נישט קריגן? איר פאַרשטייט מיך?

— „טשי פּאַן מניע ראָזומיע"? — האָט ער פאַרטייטשט דעם לעצטן זאַץ זיינעם.

נאָך זיין גרויסער רעדע האָט זיך דער סעקרעטאַר אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און די לאַנגע, געדיכט־שוואַרצע ברעמען זיינע האָבן זיך צעפּאָכעט איבער די צעפּינטלטע אויגן, ווי תמיד, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ גרויס נאַרישקייט.

דער סעקרעטאַר פייקל האָט גוט געוווסט, פאַרוואָס זיין פּרעזעס כייקל וויל בשום אופן נישט אַרויסגיין אין גאַס, אַז דאָס איז נישט, ווי ער וויל איינרעדן דעם עולם־גולם, ווייל די אינטערעסאַנטן פון הויף לאָזן אים נישט צו רו און ער קאָן נעבעך נישט פאַרטראָגן זיי זאָלן אַ רגע בלייבן אָן זיין הילף. ס'איז פאַרן סעקרעטאַר קיין סוד נישט געווען, אַז כייקל איז אַ גרויסער פּחדן. ער האָט מורא די נאָז אַרויסצוווייזן אין גאַס, מע זאָל אים נישט כאַפּן צו דער אַרבעט; ער ציטערט, טאָמער וועט ער צו דער צייט דאָס היטל נישט באַוויזן אַראָפּצוציען און קריגן אויסגעפּאַטשט פון אַ זעלנער; און בכלל, עס איז גלאַט אַ סכנה אַרומצוגיין צווישן אַזוי פיל בעטלער, וואָס שטרעקן אויס הונגעריקע הענט נאָך אַ גראָשן אַ שטיקל ברוקווע צו קויפן, אָדער אַ צוקערל דאָס האַרץ צו דערכאַפּן... און ער איז דאָס אַזאַ קראַנקער מענטש, מיט אַ שלאַף האַרץ, ס'וואָלט אים דערפון זיכער קיין גוטס נישט צוגעקומען... — דאָס איז איינס.

זיצט ער טאַקע אין דער היים, דער פּרעזעס כייקל, און טוט זיך ס'זייניקע. אַ כל־שכן ביי זיינע געשעפטן, וואָס ווערן געפירט דיסקרעט, שטיל־שאַ, אָן גערויש, אָן טומל, דאַרף מען אַוודאי וואָס ווינציקער זיך אַרומדרייען אין גאַס — אַז עין־הרע קאָן נאָך שאַטן צום עסק... — דאָס איז צווייטנס.

און דריטנס, — דאָס איז שוין אַ באַזונדערע זאַך, וואָס קיינער ווייסט נישט און שטויסט זיך וועגן דעם נישט אָן, — דער גאַנצער פּרעזעס כייקל, וואָס רעדט

צו אַלעמען אַזוי שטיף, מיט אַזאַ זיכערקייט אין טאָן, ער טאַקע, דער גאַנצער תקיף, האָט שרעקלעך געציטערט פאַר זיין פּרעזעסערין — ס'זאָל עמעצן נישט איינפאַלן אים אַראָפּצוזעצן פון זיין הויכגעשטעלטן אמט. דעריבער טאַקע האָט ער זיך דער עיקר פון אָרט נישט רירן געוואָלט. און ווען ער איז אַמאָל, צוליב אַן ערנסטן ענין, יאָ אַוועקגעגאַנגען אויף אַ שעה־צוויי, האָט ער קודם־כל נישט דערלויבט קיינעם דערלײדיקן די ענינים פון הויז־קאָמיטעט. קיינער האָט נישט געטאָרט זיך דערוועגן צו טאָן אַ זאַך און זיך פריער מיט אים נישט באַראַטן!...

— וואָס הייסט עס? — האָט ער דעמאָלט געדונערט מיט אַ לייבן־קול, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין שלאַף האַרץ נישט געהאַט און אויף קיין אַסטמע נישט געליטן — בין איך פּרעזעס, צי נישט? איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויל איך דאָס וויסן!...

דעמאָלט האָבן אַלע געשוויגן. אויס מורא האָבן זיך דעם סעקרעטאַר פּייקלס לאַנגע געדיכט־שוואַרצע ברעמען צעשאָקלט מער, ווי תמיד, און די צעפּינטלטע אויגן האָבן זיך צעשראָקענע געוואָרפן אויף אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ רעטונג, אַ מקום־מקלט פאַר זיך... דער סעקרעטאַר פּייקל האָט פשוט געציטערט פאַרן פּרעזעס בייקל.

אַ געוועזענער נידעריקער באַנק־באַאַמטער, האָט ער פון אייביק אָן געבויגן זיך אין דרייען פאַר זיינע דירעקטאָרן און תמיד זיך געשראָקן פאַר זייערס אַ שלעכטע מיינונג וועגן אים. דאָס האָט אים דערפירט צו אַזאַ אומזיכערקייט, אַז ער אַליין האָט שוין געצווייפלט אין זיין אייגענער גערעכטיקייט און נאָך יעדן זאַץ איבערגעחזרט: „טשי פאַן מניע ראָזומיע" — איר פאַרשטייט מיך?...

דעם פּרעזעס בייקל — כאָטש יענער האָט אים קיין גוט וואָרט קיינמאָל נישט געזאָגט, און ער האָט אויך געאַרבעט „האַנאָראָווע" אין זעלבן קאָמיטעט — האָט ער באַהאַנדלט, אַזוי ווי זיין אַמאָליקן באַנק־דירעקטאָר, מיט כבוד און אונטערטעניקייט...

דער סעקרעטאַר פּייקל האָט געלעבט אויפן גענאָד פון פּרעזעס בייקל. אָן אַרבעט, ווייל זיין באַנק האָט שוין נישט עקזיסטירט, האָט ער זיך אויסגעהאַלטן בלויז דערפון, וואָס ער האָט שטיקלעך פון זיינע מלבושים, פון זיינע פאַרבליבענע הויז־זאַכן אַרויסגעטראָגן אין מאַרק צו פאַרקויפן. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן סעקרעטאַר און אָנגעהויבן אָפט אַרויפצוקומען צום פּרעזעס בייקל אין שטוב, האָט אים דער פּרעזעס פשוט געמאַכט פאַר זיינעם אַ שיק־יינגל. אַזוי ווי פּייקל האָט תמיד געמוזט לויפן אין גאַס עפּעס דערלײדיקן פאַרן הויז־קאָמיטעט, האָט אים בייקל תמיד מיטגעגעבן אַ שליחות אויפן זעלבן וועג. אָבער באַצאָלט האָט ער אים דערפאַר קיינמאָל נישט. אָנשטאָט געצאָלטס אָדער שכירות פאַר זיין שטענדיקן אַרומלויפן מיט זיינע פּריוואַטע ענינים, האָט אים דער פּרעזעס בייקל געגעבן קליינע הלוואות, וואָס יענער האָט אים אויך קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּצאָלן. און

אזוי ווי פייקל האָט געציטערט, אז כייקל זאָל ביי אים דאָס געבאָרגטע געלט נישט אָפּמאָנען און, חלילה, אמאָל נישט אויפהערן אים צו געבן קיין נייע הלוואות, האָט ער אים געדינט געטריי און אונטערטעניק.

ער טאַקע פלעגט אים צו וויסן געבן וועגן יעטוועדער אומצופרידנקייט, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי עמעצן פון די לאָקאַטאָרן, אונטערגעטראָגן עס אים ווי א כשר מציאהלע, און ער טאַקע איז געווען זיין הייסטער פאַרטיידיקער אויף אַלע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

אויף אן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פלעגט דאָס קליינע מענטשעלע מיט די געדיכט־שוואַרצע ברעמען ברומען, ווי א בער, בשעת זיין פאַרטיידיקן זיין פּרעזעס קעגן אן אָנפאַלער. יעדן איינעם האָט ער געשטאָכן מיט זיין „טשי פאַן מניע ראָזומיע“ — אזוי ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט ווייזן, אז קיינער איז נישט אימשטאַנד צו באַנעמען די גרויסע חכמה זיינע...

און אויב עס איז עמעצער מיט א קריטיק קעגן זיין פּרעזעס כייקל אזוי ווייט דערגאַנגען די יאָרן, אז אפילו זיין שטענדיק ווערטל: „איר פאַרשטייט מיך“ — האָט שוין אויך נישט געווירקט, דעמאָלט איז געקומען א צווייט וואָרט, וואָס האָט געמוזט דעם שונא אויף טויט צעשמעטערן:

— „וואָגולע“ — בכלל איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן! „וואָגולע“ איז קלאָר, אז נאָר ער איז גערעכט, ווייל „וואָגולע“ איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן...

בלויז איין איינציקער איז געווען אויפן הויף, וואָס אים האָט פייקל נישט נאָר געלאָזט צו רו, בשעת יענער האָט קריטיקירט דעם פּרעזעס, נאָר, פאַרקערט, ער אַליין, דעם פּרעזעס פייערדיקסטער און געטרייסטער מליץ־יושר, האָט (פאַרשטייט זיך, אז כייקל האָט דאָס נישט געזען) צו אים געשמייכלט מיט א חניפה־געלעכטערל. דאָס איז געווען דער קאַסירער פון קאָמיטעט, דער מעל־סוחר בייקל. ער האָט צו אים אזוי געשמייכלט, ווי ער אַליין, פייקל, וואָלט טאַקע נאָר געוואַרט אויף אים, אויף דעם שיינעם מענטש, אויף בייקלען, אז יענער זאָל אזוי אָפּשאַצן דעם פּרעזעס...

בייקל, דער מעל־סוחר, האָט זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט כלל־זאַכן. קיינמאָל האָט ער קיין צייט דערצו נישט געהאַט. א ייד נישט קיין נאַר, האָט ער זיך באַלד דערקענט אויף דעם, וואָס כייקלען טוט וויי, און אַלעמאָל, ווען ער האָט אויף א זיצונג זיך צערעדט וועגן דער אַרבעט פון קאָמיטעט, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען אן אומגעלומפּערטע, האָט ער פאַרענדיקט מיט א זאַץ, וואָס האָט דעם פּרעזעס כייקל אינגאַנצן צעשמעטערט:

— מאַכט מיך פאַר פּרעזעס, וועט איר זען, ווי די אַרבעט וועט גיין!...

אַלע פון הויף האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס מאַכט אזוי בייקל חוזק פון כייקלען, אָבער ער אַליין, דער פּרעזעס, האָט פון איבערנעמונג זיך תמיד פאַרלוירן, געמיינט, אז אָט־אָט גייט מען אים שוין אַראָפּשלייערן פון זיין בענקל און מען גייט

אים, בייקלען, מאכן פארא פרעזעס... ער האָט זיך דעריבער איינמאָל געשטאַרקט, געקומען צו זיך און מיט א געמאַכטן שפּאָט זיך געווענדעט צו בייקלען:

— צאָלט איין אין דער קאסע טויזנט זהובים, טרעט איך אייך אָפּ מיין פּלאַץ! קבע, קבע, קבע! — האָט ער זיך אויש צעהוסט פון איבערנעמונג...

דערמיט האָט בייקל, מיט א מינע פון אן ערנסטן מענטש, זיך א כאַפּ געטאָן צו זיין דיק־געשוואָלענעם טייסטער, אַרויסגעצויגן פון דאָרט צען נייע הונדערטערס, אויסגעלייגט זיי אויפן טיש, ארויסגעשלעפּט א ביכעלע פון א צווייטער קעשענע, עפּעס האָרט איינגעשריבן, און ווען ער האָט דאָס געלט פון טיש צוריק אריינגע־לייגט וצו זיך אין א צווייטער טאש — האָט ער אויסגערופן צו אַלעמען:

— זייט עדות, יידן; איך האָב איינגעצאָלט אין דער קאסע פון קאָמיטעט טויזנט גילדן! בייקל, אראָפּ פון בענקל, גיכער, אראָפּ!...

בייקל איז דעמלט טאַקע שטאַרק בלאס געוואָרן, דערנאָך אָבער איז אים דאָס גאַנצע צעהיצטע בלוט צוריקגעפלאָסן מיט א שטראָם אין פּנים אריין, און ער האָט זיך צום סוף אזוי צעהוסט: קבע! קבע! קבע!... — אז בייקל האָט ארויסגע־כאַפּט פון טאש א בייטל מיט צוקערלעך, צוגעשטופּט צום פּרעזעס מויל דאָס גאַנצע בייטעלע און געשריגן צו אים מיט א טענה:

— נעמט, בייקל, נאט אייך א צוקערל פאר אייער גאַנץ בענקל! א ייד זאָל זיך אזוי איבערנעמען מיט א וויץ!...

אָבער נישט נאָר איבער זיין פּרעזעסור האָט זיך בייקל אזוי געוויצלט. אויב עס איז פאָרגעקומען א פארזאמלונג פון די הויף־לאָקאַטאָרן, און מ'האָט אויף איר געמאכט א ספּעציעלע געלט־זאמלונג, האָט זיך תמיד בייקל געכאַפּט צו זיין גראָב־אויסגעפילטן טייסטער, ארויסגעצויגן פון דאָרט עטלעכע הונדערטער, א וואָרף געגעבן דאָס געלט אויפן טיש און אויסגעשריגן:

—, יעד בין מנדב אויף דעם צוועק חמישה! יעד בין דאָך א כאמישער קאָפּ! יעצינד זאָל דער פּרעזעס געבן שישי — ער איז דאָך עפּעס א גרויסער מענטש! א שישקע!...

און ווען דער פּרעזעס האָט זיך ווידער צעהוסט פון איבערנעמונג און פאר־דראָס, האָט בייקל א כאַפּ־אראָפּ געגעבן דאָס געלט זיינס פון טיש, אריינגעלייגט עס צו זיך אין א צווייטער קעשענע און געשריגן צו פּייקלען:

— פאַרשרייבט, סעקרעטאר, וויפל יעד האָב מנדב געווען...

קיינמאָל האָט מען נישט געקאָנט געוואָר ווערן, צי בייקל מיינט עס ערנסט מיט זיינע גרויסע נדבות, צי ער צאָלט באמת איין דאָס געלט אין קאָמיטעט־קאסע. אליין דער קאסירער פון קאָמיטעט, האָט ער דאָך דאָס געלט נישט באַהאָלטן קיי־נעם געבן, פּייקל ווידער האָט געשוויגן, ווי אן אָפּגעסמטער, ווען מען האָט אים וועגן דעם עפּעס געפרעגט. און מיט בייקלען אליין האָט קיינער נישט געוואָלט אָנהייבן.

אין די שפּעטע אָווגטן, נאָך גיין אזייגער, ווען אויף די גאסן האָט קיינער נישט געטאָרט ארומגיין, האָט בייקל אָנגעהויבן ארומצורודערן אויפן הויף. ער האָט דעמולט געשיקט זיינס א קינד אָדער דאָס דינסטמיידל צום פּרעזעס, אראָפּרופן אים וועגן א „גייטיקע זאך", און כאָטש יענער האָט געהאט שפּיכת־דמים פּונעם געהאנק וועגן בייקלס צווייַ בייזע הינט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אים אָפּזאָגן און געמוזט נעבעך אראָפּגיין דורכשמועסן זיך מיט זיין קאסירער.

בייקל האָט דעמולט גרויס הנאה געהאט צו שמועסן געמיטלעך מיטן פּרעזעס. די הינט האָבן זיך געריסן, געוואָרפן מיט שוים אויף די פּיסקעס און נאָר געוואָלט דעם פּרעזעס אויף שטיקער צערייסן. א ציפּלאטערטער, מיט אנגסטן באנאָסן, האָט זיך בייקל געווישט דעם שווייס פון פייכטן שטערן און פּליכעוואטן קאָפּ, אראָפּגעקוקט אויף די הינט און גערעדט צום קאסירער:

— בייקל, א קלאָג האָט אייך געטראָפן, נעמט שוין צו די הינט. וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ!

בייקל האָט דעמולט איין הונט אריינגעשטופּט אין צווייטן שלאָפציממער אריין, דעם צווייטן געגומען אויף דער האנט, אים געצייצט, און ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאר אים, אים געשטופּט און געשטויסן צום פּרעזעס בייקל...

בייקל איז אין איין ציטערניש אויפגעשפּרונגען פון אָרט, א צאָן איז א צאָן האָבן אים געקלאפּט, און האָט אין איין צאַפּלעניש געוואלדעוועט:

— בייקל, האָט גאָט אין האַרץ, וואָס צאפּט איר מיר די נשמה ארויס, וואָס?

— איר האָט דען א נשמה? כ'הער עס דאָס ערשטע מאָל! — האָט בייקל פון אים געחוזקט.

באלד איז אריינגעקומען א יידענע, א מיאוסקייט, אין האלב־פארשמירטע מלבושים, מיט גרויסע וואָרצלען און האָר אויפן פּנים. דאָס איז געווען אן עניין פארן פּרעזעס, וואָס הער קאסירער האָט פאר אים צוגעגרייט. די יידענע האָט זיך צעקריגט מיטן מאן, און בייקל האָט איר דעם קאָפּ פּאַרדרייט, אז יושר און משפּט קעגן איר מאן וועט זי געפינען נאָר ביים חכם־העיר, ביים פּרעזעס. זי האָט אים טאַקע געהערט, און אָט איז זי געקומען פאר אים דאָס האַרץ זיך אויסרעדן.

און גלייך איז די גאנצע שטוב פול געוואָרן מיט מענטשן. עס איז געקומען א לאָקאַטאָר, וואָס האָט געהאט א טענה צום סובלאָקאַטאָר און אים דורכויס געוואָלט ארויספּטרן פון זיין וווינונג; א זון איז געקומען זוכן גערעכטיקייט קעגן זיין אייגענעם פאָטער; א שוויגער — קעגן איר איידעם, און קרובים — קעגן זייערע משפּחה־מענטשן. איידער בייקל איז פּטור געוואָרן פון דאָזיקן „באנגעניש" — ווי ער האָט עס גערופן — האָט בייקל געזאמלט ארום זיך א קרענצל פון זיינע צונויפגעפירטע מענטשן און זיי געעצהט, וויאזוי זיי זאָלן טענהן, כדי דער פּרעזעס זאָל זיך קענען „פּאָכאפּיען" וועגן וואָס עס גייט זיי.

דער קליינער בייקל איז אויך באלד אָנגעקומען צו הילף דעם פּרעזעס, און איז ארומגעלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, געוואָרפן מיט די צעשפּרייטע הענט זיינע, געאָטעמט מיטן גאנצן גוף, מיטן קאָפּ, מיט די לאנגע, געדיכט-שווארצע ברעמען, ביז ער האָט געמוזט זיך צעביזערן, אז „וואָגולע" פארשטייט ער נישט, נאָכוואָס מען קומט דעם פּרעזעס פאָרדרייען דעם קאָפּ מיט אזעלכע נארישקייטן

בייקל האָט זיך דערמיט צעקרעכצט, צעזיפצט מיט אזא רחמנות-קרעכצעלע, אז ס'האָט אלעמען אָנגענומען ביים הארץ. באלד אָבער איז אונטערגעקומען בייקל, דערלאנגט אים א גלאָז טיי מיט עטלעכע זעמעלעך און געשפּאָט:

— נאט אייך, פאניע פּרעזעס, עסט אייך נישט אָפּ דאָס הארץ, וואָס איר האָט נישט! עסט ליבערשט א זעמעלע!

בייקלס זשעדנע-גיריקע אויגן האָבן זיך צעבאָמבלט מיט די טרערן-זעקעלעך פון גרויס הנאה, און די קרעכצעלעך זענען געוואָרן געשמאקער, זאפטיקער, אָן כעס שוין, ווי פריער...

און ווען בייקל האָט שוין צום סוף קיין כוח נישט געהאט אזויפיל איינצו-טענהן מיט זיינע לייט, האָט זיך בייקל אויפסגיי צעוויצלט און אויסגערופן:

— מאכט מיך פאר פּרעזעס, וועט איר זען, ווי יאָך וועל אייך פירן ביי דער נאָז...

אינהאַלט:

יהודה פעלד — דער רעוואָלוציאָנער און שרייבער פאָרוואָרט פון ב. מארק	5
פופצן מינוט נאָך פינף	11
שׂרהלע גהאבער	20
הונגער	25
אַ חלום פון אַ מאַמע	30
שריי, ייִד, שריי!	35
אָן אַ היים	44
גירוש פ״ק	54
בייקל, פייקל און בייקל	73

זייט